STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04090

FUN FRILING TSU FRILING

A. I. Rafael

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. י. ראַפּאַעל / פון פרילינג צו פרילינג

א. י. ראַפּאַעל

פון פרילינג צו פרילינג

הויפּטפאַרקויף: י. ל. פּרץ־פאַרלאַג
תל־אביב, 1963

A. I. RAFAEL

FUN FRILING ZU FRILING

א. י. ראַפאַעל

פון פרילינג צו פרילינג

✶

הויפּטפאַרקויף: י. ל. פּרץ־פאַרלאַג
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

✶

די בילדער אין דעם בוך
זענען געמאָלן פון אויטאָר

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294



אויטאָפאָרטרעט

(אייל, 16 × 20)

פון פרילינג צו פרילינג

גוט מאָרגן דיר, טאָג דו נייער

גוט מאָרגן דיר, טאָג דו מיין נייער,
אַ טאָג פון דעם פרילינג גאָר יונגן;
ווי ליב דו ביסט מיר און ווי טייער,
ווי פריידיק די וועלט איז צעזונגען.

די לויטערקייט בלויע פון הימלען,
דאָס גאָלדענע ליכט פון די זונען,
דער כישוף פון שטערן אין דרימלען
מיט זילבער פון לבנות געשפונען.

די טיפקייט פול סודות פון ימען,
פון הימלען אָנסופיקע ווייטן,
דער חלום פון בערגיקע קאַמען,
די גבורה פון ווינט דעם פאַרשייטן.

ס'האָט יעדער פון „זיך" זיך באַפרייט
און לויבט דער גאָטהייט דער ריינער.
באַהאָפטן אין הימלישער ווייט,
זיי זינגען: ס'איז גאָט נאָר דו איינער.

אין וואָס האָב איך מיין אָרט ?

א טראָפּעלע וואַסער אין ריז־אָקעאַן,
א שטויבעלע זאַמד אין זיין ענדלאָזן ברעג,
א בלאָזעלע לייכט פון דעם ווינט דאָרט פאַראַן,
א רוישעלע קוים פון ימס שטורעם אין וועג.

א שפּריצעלע דין אין גיגאַנטישע כוואַליעס,
א פּינטעלע פון ניט־דערגרייכבאַרע טיפן ;
א רירעלע קוים פון זיין קראַפט וואָס ברעכט אַלעס,
א הויכעלע שאָטן פון געהיימפולע טיפן.

א קרישעלע פעלדז פון די סקאַלעס ביי ברעגן,
א ברוכעלע גבורה פון שטאַרקייט פון שטיין ;
א פליעלע צייט פון ווען אָן דאָרט זיי ליגן,
א טיילכעלע שטילקייט פון שטום זיין אַליין.

א שפּראָצל עקשנות צופוסן די כוואַליעס,
א פונק נאָר קנאות פון וואַסערס פאַרמעסט ;
א ווייסעלע שוים וואָס צעברעכט זיך אָן סקאַלעס,
א קלאַנג נאָר פון רוף : „קעמף, זיגן דו וועסט".

א טונק נאָר פון בלוי אין די הימלען הויך אויבן,
א ווונק נאָר פון סודות וואָס נאָך העכער דאָרט ;
עס ציטערט מיין גייסט, וויל די אייביקייט לויבן,
און פרעגן : „ווו און אין וואָס נאָך, איך מענטש, האָב מיין אָרט ?"

כ׳בין אַ טייל פון דער וועלט

צווייגן-הענט פול מיט בליונג גאָלד-גרין
טראָגן בלומען מיר צו;
שטראַלן-פינגער דורכזיכטיקע דין
שפּינען אוים פאַר מיר רו.

דורך די צווייגן קוקט הימל זיך איין
מיט אויגן — לויטערע בלוי;
אַזוי גוט איז מיין דאַיקער זיין,
כ׳גלייב און האָף אין פאַרטרוי.

ווי דער בוים — כ׳בין געוואָרן אויך יונג
גאָלדיק זוניק צעהעלט;
כ׳הער מיין האַרץ אין דעם פרילינג-צעזונג,
כ׳בין אַ טייל פון דער וועלט.

מאַי 1954

פרילינג אין פּאַרק

אויף פלאַכלאַנד און אויף בערגלעך קליינע
עס האָט דער פּאַרק זיך ווייט צעשפּרייט;
פון די אַלייען לאַנגע, שיינע
אַ שטילקייט סודותדיק זיך ווייט.

אַ יונגער גראָז די ערד שוין דעקט,
דעם זאַמד און ערד ער העל באַגרינט;
אַ וואַרעם ווינטל לעבן וועקט,
פון זומער־שטראַלן גאָלד זיך שפּינט.

אויף קוסטעס פּיצלעך בלעטלעך שפּראָצן,
ס׳דוכט געלע פליגן זיי באַפאַלן,
מיט אויגן גרינע סתם זיי גלאָצן,
וואַרמען זיך אין זונען־שטראַלן.

די יונגע ביימלעך באַחנט שטאָלצירן
מיט בלעטלעך ערשט אָקאָרשט געבאָרן;
עס וועלן שטראַלן ניט פאַרפירן,
זיי האָבן ליבע זיך געשוואָרן.

מיט ליכט באַמאָלןביימער אַלטע,
זיי שמייכלען שעמעוודיק, באַחנט;
באַיאָרטע צווייגן און צעפּאַלטע
מיט נייע שפּראָצן רייך באַשיינט.

דאָרט צווישן בוים און צווייג צעשפּרייט
הימלבלוי איז איינגעפּאַסט;
עס לייכט דער פּאַרק אין גליק דערפרייט,
ווען פרילינג ווידער איז זיין גאַסט.

כוואַליעלעך

אויפֿן גרויסן, טיפֿן וואַסער
כוואַליעלעך זיי לויפֿן זיך,
לויפֿנדיק זיי איילן זיך,
איילנדיק זיי שטופּן זיך,
שטופּנדיק זיי שפּרינגען זיך,
שפּרינגענדיק — פֿאַרשווינדן גיך.

אָט פֿאַרשוווּנדן — קומען ווידער
דאָ צוריק באַלד שטיפֿנדיק,
שטיפֿנדיק און וויגנדיק,
וויגנדיק און הוידנדיק,
הוידנדיק און טויכנדיק,
טויכנדיק — פֿאַרשווינדן גיך.

אָט פֿאַרשוווּנדן — באַלד דאָ ווידער,
ווידער אויפֿן פֿלאַך אַרויף,
באַלד אַרויף מיט ווילד געלויף,
ווילד געלויף גאָר אָן אַ סוף,
אָן אַ סוף אין זייער וועג,
אין דעם וועג צו זייער ברעג...

אַ טאָג אַ נייער

די נאַכט האָט אַ טאָג ערשט געבאָרן,
דער מאָרגנשטערן געווען איז דערביי;
די פינצטערניש איז ליכטיק געוואָרן,
באַלד אויפגיין די זון וועט אויפסניי.

עס וועקן פון שלאָף זיך גראָז, בלאַט און אויך בלום,
עס וועקט זיך דער פויגל, גריל, און זשוק אויך;
און דאָרט — האָריזאָנט, קוים באַמערקבאַר אַרום —
אין העל-גרויען ליכט שפּרייט זיך ווייך.

הויך איבער דעם באַרג, אין הימלען ווייט דאָרט,
ווערט זילבער מיט רויט-גאָלד געמישט;
„ויהי אור״ — פון גאָט דאָס פאַרכישופטע וואָרט —
די נאַכטיקע שפּורן פאַרווישט.

אין וואַלד, צווישן בוימער און שפּאַלטן,
האָט מזרח מיט פייער אַ בליאַסקע געטאָן;
די שפּיזן פון ליכט אין מאָרגן דעם קאַלטן
אַ טאָג נאָך אַ נייעם דער וועלט זאָגן אָן.

אין טאָל אין דעם ברייטן, צווישן בערג ווייט פאַררוקט,
דאָרט רואיק אַן אַזיערע שלאָפט נאָך אַ שטילע,
נאָר וואַלד אויף די בערג מיט זיין קאָפּ טיף זיך בוקט,
בכוונה שוין דאַוונט זיין שחרית-תפילה.

אין טיפקייט פון הימל הויך איבער וואַלדס קאָפּ,
די נאַקעטע זון דאָרט באַווייזט זיך,
אַזוי אַן די שטראַלן, צום וואַסער אַראָפּ,
צו אַזיערע טובלען זי איילט גיך.

די זון, זי פון יונגפרויען אַלע די שענסטע,
אין צנועהדיק רויטלען פון בושה,
מחשבות פון זינד זי פאַרטרייבט גאָר די קלענסטע,
עס ציטערט די וועלט אויף אין קדושה.

עס רויטלען די הימלען זיך אויבן,
מיט זיי אויך די בערג-שפּיצן בלויע;
די וועלדער צו הימלען זיך הויבן,
און ס׳פּורפּלען זיך וואַסערן גרויע.

ס'האָט טוי מיט פּרוכת דעם וואַסער אַרום
פאַרוויקלט, אין גאַנצן פאַרשטעלט,
אַ יונגע די זון טובֿלט זיך פרום
אָן שטערונג פון איבריקער וועלט;

נאָך טבֿילה, אין גאָלד אָנגעטאָן,
מיט דימענטן־קרוין אויפן קאָפּ,
באַלייכטן אַ ניי־טאָג הייבט אָן,
און שטראַלט פון די הימלען אַראָפּ.

אין פּאַרק

שושקען סודות בלעטער גרינע,
גראָזן שטילע שווייגן שטום;
שטיפן, צאַפּלען צווייגן דינע,
ביימער אַלטע דאַוונען פרום.

לויפט אַ ווינטל דורך דעם גאָרטן,
שטיפט מיט צווייג, מיט בלום, מיט גראָז;
שפרינגט און דרייט זיך דאָ און דאָרטן,
ס'קילט מחיהדיק זיין בלאָז.

ס'זינגט אַ פויגל אין דער ווייטן,
אין דער שטילקייט ווער ען רופט;
וואָס זאָל פויגלס רוף באַדייטן?
בענקשאַפט טראָגט זיך אין דער לופט.

ציען שאָטנס זיך פון ביימער,
פאַסן ליכט אַלייען שניידן;
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער
אין מיין צער, אין מיין ליידן.

האַלב פאַרשלאָפן

ראָזער גאָלד אין קעסטעלעך,
אין געפלעכט פון טונקל-גרין,
פולע קליינע מעסטעלעך,
עודף גיסט זיך איבער דין.

לייכטן זיי — בריליאַנטעלעך,
איינגעפּאַסט אין רעמעלעך,
שפּילן אין באַהאַלטעלעך,
צינדן זיך אין פלעמעלעך.

אונטן — דעכער-שפּיצן צוויי
כאַפּן אויף דעם פליסיק גאָלד,
שינדלען גלייך באַפּוצן זיי,
ווערן דעכער ראָז באַמאָלט.

אין די נעסטן פייגעלעך
שלאָפן דאָרט נאָך, עס איז שטיל;
פון די גרינע צווייגעלעך
זעלטן הערט זיך ווען אַ טריל.

אויף מיין דאַך ברומט שטיל אַ טויב,
זיך מסתמא ליבן וועט —
אַלץ דאָס זע איך דורך דער שויב
האַלב פאַרשלאָפן אין מיין בעט.

יוני 1953

די געטלעכע שיינקייט באַגליקט

דער וואַלד איז צום ברעג ניט דערגאַנגען,
פון ווייטן געבליבן דאָרט שטיין.
ביים ברעג ליגט דאָס וואַסער געפאַנגען,
צעלייגט זיך, קאָן ווייטער ניט גיין.

דער ברעג פון געוואַשענעם זאַמד
זיך גאָלדיקט אין ליכט פון דעם טאָג;
אַהינטער פון זאַמדיקן ראַנד
די פעלדער מיט רייכן פאַרמאָג.

פון אויבן מיט בלויקייט דער הימל
אויף ערד און אויף וואַסער זיך שפּרייט.
זיס חלומט די לאַנדשאַפט אין דרימל,
מיט רו און מיט שטילקייט פאַרזייט.

איך מענטש וויל דאָ איינס מיט אַלץ ווערן —
אין שטילער מנוחה פאַרוויגט.
ס'איז נישטיק דאָס זאָרגן און קלערן,
די געטלעכע שיינקייט באַגליקט.

1953

דער ברעג

עס קריכט דער ברעג ארויס פון וואסער,
און הייבט זיך העכער, העכער קוים;
אקארשט געוואשן, נאך א נאסער,
באפרייט זיך ערשט פון זילבער־שוים.

האט אומגעציילטע זיינע זאמדן
צעשפרייט דא ווייך און פריי צעלייגט;
א קליינער שטרייף ביים וואסערס ראנדן
זיך גרויאיק ברוינט, נאך אלץ צעווייקט.

ס׳פארמאגט דער ברעג אזוי פיל פרידן,
ווי שטיל זיך יעדעס זעמדל ליגט;
עס זאגט צו רו פאר יעדן מידן,
און יעדן אומרו שטיל פארוויגט.

עס איז דער ברעג איין גרויסער שמייכל —
א ליכטיקער און מיט געפיל;
פארנעם אין זיך כאטש ס׳קלענסטע טיילכל,
און דאנק דיין מזל אין דער שטיל.

ס׳האָט זון מיר אין פּנים געלאַכט

ס׳האָט זון מיר אין פּנים געלאַכט,
מיט שטראַלן געשטיפּט און געבריט;
כ׳האָב שמייכלענדיק האַרציק באַטראַכט
די שטראַלן מיט זון אין דער מיט.

צופּיל ליכט. עס זשמורען זיך אויגן,
מיט נאָדלען די האַריקע לעפּלען,
זיי שפּינען קאָלירן פון רעגנבויגן
אויף פּאָנען פון גאָלדענע נעפּלען.

ס׳פאַרבלענדן די רייכע קאָלירן,
כ׳מוז אויגן אין גאַנצן פאַרמאַכן;
נאָר זיי — ווייטער זייער שפּיל פירן
מיט ליניעס, מיט פאַרבן, מיט זאַכן.

פון גרינגאָלד די קייקעלעך קליינע
באַלד פליען אָן ראַשיק פון זייטן;
רובינען געשליפענע שיינע
מיט עמעראַלד-פלעצער זיך בייטן.

רויט־גאָלדענע רעדלעך זיך דרייען,
גאָלד בלייכט, ווערט אין זילבער פאַרביטן;
זיך דרייען, אויף איין אָרט זיי שטייען,
און פּלוצלינג — זיי גאָר זיך צעשיטן.

גלייך קומען אָן בעזימלעך שטראַלן
און קערן די דימענטן אויס,
אין תהומען מיט פייער זיי פאַלן,
פאַרשווינדן — און אַלץ לעשט זיך אויס.

— — — — —

באַצויבערט די אויגן איך עפן,
„וואָס זע איך, ווו בין איך?" — איך טראַכט;
„פּרוביר זשע אַליין טאַקע טרעפן" —
האָט זון מיר אין פּנים געלאַכט.

זון, וואַסער און ווינט

ס'האָט ווינט אויף דעם בײַ זיך צעבלאָזן
און ס'וואַסער געטריבן, געשמיסן;
אַ כוואַליע האָט פרײַ זיך צעלאָזן
און זיך נאָך אַ צווייטער געריסן.

מיט קרוינען פון שוים אויף די קעפּ
הייבן כוואַליעס פון וואַסער זיך אויף.
דער בײַ איז אינגאַנצן אין טרעפּ
פון אייליקן וואַסער־געלויף.

ווי טויזנטער שניי־ווײַסע פיש,
זעט אוים דער צעוואָרפּענער שוים;
זיי שפּרינגען פון וואַסער אַרוים,
פאַרשווינדן באַלד ווידער אין תהום.

ס'האָט ווינט אויך די וואָלקנס צעטריבן,
בלויז איינער נאָך וואַנדערט אַליין;
פון לויטערע הימלען די זיבן
גיסט זונשײַן זיך גאָלדן און ריין.

דאָס גאָלד כאַפּן כוואַליעס באַלד אויף,
מיט גדלות אויף זיך זיי עס טראָגן;
באַלד שיינען בריליאַנטן אַרויף:
נו, זעט נאָר וואָס מיר דאָ פֿאַרמאָגן!

די זון און דאָס וואַסער און ווינט —
ווי שיין זייט איר אַלע צוזאַמען,
ווען פֿאַרבן צוזאַמען איר שפּינט,
אין שפּיל מיט נאַטור — אייער מאַמען!

אומרו

איר וועגן לאַנגע, ווייט צעשפּרייט זיך,
צעעפנט שטחים פאַר מיר ברייט;
איר פעלדער, וועלדער, קומט דערפרייט מיך,
איר ווינטן קילע, מיך באַגלייט.

כ׳וועל יאָגן וואָלקנס אין די הימלען,
מרחקים ברענגען צו מיר נאָנט;
די וועלדער וועקן פון דעם דרימלען,
זאָל זייער שווייגן זאָגן וואָס ער מאָנט.

איר פעלדער — אייביק יונגע מאַמעס,
אין צנועהדיקער פשטות שטילע,
איך הער די טענער און די גאַמעס,
ווי ס׳גייט צו גאָט אויף אייער תפילה.

פאַר גראָז, פאַר בלום, פאַר זאַנג איך בעט,
פאַר יעדעס קערנדל פון תבואה;
פאַר מיר איך אפשר בעטן וועט
כאָטש פאַר אַ ביסל פרייד און רוען.

איר טייכן קילע, זילבער שלאַנגען,
דורך וואַלד און פעלד אין לאַנגן וועג,
אויך איר פון אומרו זייט געפאַנגען,
כ׳וויל וואַנדערן ביי אייער ברעג.

איך וועל מיט אייך דעם ים דערגרייכן
און אויף זיין גרונט רו זוכן דאָרט;
ווייל ס׳איז קיין סוף צום הימלס הויכן
און אויף דער ערד כ׳געפין קיין אָרט.

עס איז דער אומרו מיין באַגלייטער
דורך טעג, דורך נעכט — אַ לעבן לאַנג,
ביז פאַלן וועל איך ווי אַ טויטער
אין סאַמע לעצטן לעבנסגאַנג.

זונפאַרגאַנג

איך זע, ווי בלוט גייט אויף פון דר׳ערד
אין רויטן דונסט צו הימלס הויכן;
איך זע, דער וועג פאַרשטעלט אים ווערט,
מען לאָזט אים הימלען ניט דערגרייכן.

צו ערשט האָט זיך די זון פאַרלאָשן,
און טאָג איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.
אַ האַלב-לבנה, בלייך, אָן לשון,
האָט קוים איר ליכט פאַר שרעק געצונדן.

עס קומען באַלד אָן וואָלקנס-שליחים,
ווי טיולן לייכטע שנעל זיך שפּרייטן.
נאָר זע! — זיי ווערן גאָר תכריכים,
צעווייקטע אין דעם בלוט דעם רויטן.

דאַן פרישע וואָלקנס קומען, איילן,
ווי ווייסער פוך, ווי שטיקער וואַטע.
עס דויערט נאָר גאָר קליינע ווײַלן,
און זיי אויך רויט, מיט בלוט שוין זאַטע.

עס שטייגט דער רויטער דונסט אַלץ העכער
מיליאָנען לעבנס... הייליק בלוט...
פון טויזנט קברים, גריבער, לעכער,
צו הימלען שטייגט, ווי גאָט דאָרט רוט.

נאָר זע, ס'פאַרהאַלט דעם וועג אים ווער —
פון גאַנצע בערג פון שטיין און אייזן
זיך שמידט אַ וואָלקן שוואַרץ און שווער,
דעם רוים פאַרשטעלן וויל באַוויזן.

עס קען דער דונסט ניט דורך די וואַנט,
די קעלט צוריק אין בלוט עס קילט.
אין טראָפּנס זיי צוזאַמען שפּאַנט,
און נאָכער זיי אין רימשקעס פילט.

עס רינט דאָס בלוט צוריק אַרונטער
פון הימלס הויך אויף ים און ערד;
אין רויטן בלוט, ווי פייער-צונטער,
די גאַנצע וועלט פאַרטרונקען ווערט.

ווי נאָר דאָס בלוט די ערד דערגרייכט,
קאָכט ווידער אויף, הייבט אָן צו זידן.
אין רויטן דונסט זיך ווידער הייכט,
דאָס הייליק בלוט פון קדושים יידן.

נאָר פלוצלינג איז געוואָרן נאַכט.
ווו ערד? ווו הימל? — ס'איז איין שטיק שוואַרץ.
ס"ם פאַרשפּרייט זיין טייוול-מאַכט,
אין בלוט זיך קוויקט זיין שדיש האַרץ.

אויגוסט 1952

זון און לבנה

אין הימל בלוי־גרינעם
די זון גייט אַרונטער,
דורך וואָלקן דעם דינעם
זי זעט אוים רויט־צונטער.

עס שפּיגלט אין וואסער
איר גאָלדענער עק;
ס׳ווערט ליכטיקייט בלאסער,
דער טאָג גייט אַוועק.

עס בייט די קאָלירן
דער הימל כסדר.
די לבנה פאַרפירן
איז היינט דער זונס נדר.

ס׳טאַנצט פייער אין צונגען
ביז ס׳לעשט זיך, גייט אוים;
ס׳איז זון שוין געלונגען —
ס׳קומט לבנה אַרוים...

אַ אָוונט אין אָפּפּלוס פון ביי

עס לעבט אויס דער טאָג זיינע שעהן די לעצטע,
עס רינט אויס דאָס וואַסער אין אָפּפּלוס פון ביי;
עס ווייזן זיך אינדזלען פון וואַסער באַנעצטע,
אָקאָרשט פון דעם וואַסער אַרויס זיינען זיי.

פון צווישן די אינדזלען די פייכטע אין וואַסער,
די הימלען זיך שפּיגלען אין רייכע קאָלירן;
געוויקסן און שטיינדלעך, אויך גראָז און מאָך נאַסער
פון אונטן מיט קעפּלעך דעם וואַסער באַרירן.

עס ווערן אַלץ גרעסער און גרינער די פלעקן,
זיי ליכטיקן צווישן דעם וואַסער בלוי-גרין;
זיי שפּרייטן אויס פינגער און שפּיציקע עקן
פאַרשידן אין פאַרבן, אין אויסזען, אין מין.

די אינדזעלעך קליינע — צונויף זיך געלאָפן —
זיי קלייבן זיך, טוליען זיך אַלע צוזאַמען;
צופרידן זיי חלומען אַלע און האָפן:
גרויס וואַקסן, באַהעפטן מיט ערד זיך — דער מאַמען.

אַלץ מער און אַלץ מער פאַלט דאָס וואַסער אין ביי אָפּ,
אַלץ ברייטער און גרעסער עס ווערן די ברעגן;
אַ גרויס-גרינער שטיין שטעקט פון וואַסער זיין קאָפּ,
דער ריזן-שטיין איז אונטערן וואַסער געלעגן.

צו רעכטס דאָרט אַ אינדזל אין וואַסער זיך שטרעקט,
זיין רוקן מיט הייזער פאַרבויט ביז אַרויף;
מיט קוסטעס און גרינקייט די זייטן פאַרדעקט,
ברוין זאַמד ביי די ראַנדן פאַרהאַלט וואַסערס לויף.

ביים שפּיץ פון האַלבאינדזל גיסט זון־גאָלד פון הימל,
פון דאָרט אין אַ טייכל דאָס גאָלד פליסט אין ביי;
אין וואַסער צעשטראַלטן דאָס גראָז און דער שימל
אין פלאַנצן פול צויבער פאַרוואַנדלען זיך זיי.

און לינקס דאָרט אַ וועלדל געבליבן איז שטיין,
פון בערגל אַרונטער איז ער דאָרט געקראָכן;
נאָר וואַסער אין ביי לאָזט אים ווייטער ניט גיין,
נו, שטייט ער דערשלאָגן, זיין האָפנונג צעבראָכן.

ניט רעכטס און ניט לינקס, נאָר פאָראויס גלייך אַוועק,
שפּרייט וואַסער און הייבט זיך, אין הימל פאַרשווינדט;
דורזיכטיקע ווייטקייט אָן סוף און אָן עק
פאַרגייענדע זון אין קאָלירן רייך צינדט.

פאַרשלונגען די זון האָט די אייגענע שטראַלן,
צען־פאַכיק זי גרוים איז, איצט לאַנגזאַם זי זינקט;
פאַרנאַכטיקע שאָטנס דעם טאָג שוין באַפאַלן,
טויזנט־אויגיקע נאַכט פון דער ווייטנס שוין ווינקט.

אויף מערב, אין ים ווייט, די זון איז געזונקען,
דער ברענענדער הימל אין לעשן זיך בלייכט;
אין ים פון דער אייביקייט טאָג ווערט דערטרונקען,
ס'האָט עבר זיין קרבן שוין דאָרטן דערגרייכט.

גאָר נידריק אין ביי איז דאָס וואַסער געפאַלן,
גאָר לאַנג און גאָר ברייט האָט דער ברעג זיך צעצויגן;
פון טייכן עס זענען פאַרבליבן נאָר קוואַלן,
דעם גאָלדענעם טייכל האָט שאָטן פאַרצויגן.

פאַרשווּונדן ווּ זיינען פאַרכשופטע פלאַנצן,
עס שפּילט אין קאָלירן ניט מער שוין דאָס וואַסער;
נאָר פלעקן ברוין-שוואַרצע פאַנטאַסטיש נאָך גלאַנצן
ווּ ערד דאָרט באַדעקט איז מיט מאָך און גראָז נאַסער.

צום וואַסער זיך ציען די שאָטנס פון וואַלד,
אויף אינדזל אין הייזער די שויבן זיך צינדן;
אַן איינזאַמער פויגל שרייט ווייט ווּ געוואַלד,
די שרעקענדע קולות אין ווייטקייט פאַרשווינדן.

ס'ווערט שטילער און פינצטערער אַלץ דער אַרום,
די נאַכטיקע שאָטנס זיך קלייבן געדיכט;
דאָס וואַסער אין ביי ליגט פאַרחלשט און שטום,
נאָר ציטערט מיט פלעמלעך אין אָפּשיין פון ליכט.

ביינאַכט

אין נאַכטיקן הימל די שטערן ווי פליען,
אַ האַלבע לבנה דאָרט נידערט אויף בוים;
עס האָט ווער מיין רו שוין פון מיר לאַנג אַנטליען,
וועל איך זי צוריקקריגן? כ׳גלייב עס שוין קוים.

עס זיינען דיביימער ביינאַכט אַזוי שוואַרץ,
זיי שטייענדיק שלאָפן מיט צווייג און מיט בלאַט;
עס נאָגט און עס ווייטיקט אין מיר טיף מיין האַרץ,
עס קאָן ניט מיין נשמה זיך אָנבענקען זאַט.

די נאַכטיקע שטילקייט צעזעגן די גרילן,
אַ פלעדערמויז וואַכע משוגע זיך יאָגט;
ניט שוואַך ווער, ניט ברעך זיך, מיין אָפּגעגאַרט ווילן,
האַלט אוים דו דעם צער, וואָס טיף דיך איצט פּלאָגט.

ס׳איז פול איצט מיט סודות דער גאַנצער אַרום,
עס בלאַנדזשעט אַ פייערל דאָרטן ווייט ווו;
ס׳וויינט אוים זיך דער טרויער אין מיר אַזוי שטום,
איך בענק און גיי אוים נאָך אַ ביסעלע רו.

ס'האָט די זון זיך פאַרשפּילט אין די ביימער

ס'האָט די זון זיך פאַרשפּילט אין די ביימער,
אין אַ האַרבסטיקן, פראָסטיקן מאָרגן,
און צעלויכטענע בלעטער זיי טרוימען
נאָך אַ פרילינג, אַ לעבן אָן זאָרגן.

זייער גאָלד — גאָלד פון זון אָפּגענאַרט האָט,
ס'האָט אַ גאָלד מיט אַ גאָלד זיך פאַראייניקט,
פונקען פייער זיך גיבן אַ שאָט,
ווען ס'בלאָזט ווינטל אויף בלעטער פאַרביייניקט.

העל צעשטראַלטע, מיט פריידיקן ציטער,
האָבן צווייגלעך זיך לוסטיק צעטאַנצט;
און אויף קעפּלעך, מיט בלעטלעך גאָר שיטער,
האָט דאָס גאָלד זיך צעליכטיקט, צעגלאַנצט.

זעסט ווי גאָלדענע פייגעלעך פליען —
ס'זיינען פאַלנדע בלעטער אין זון,
נאָר צום הימל זיי קאָנען ניט ציען,
ס'נאָגט אַן אומעט אין האַרצן דערפון.

ס׳האָט אַ וואָלקן דעם הימל פאַרצויגן

ס׳האָט אַ וואָלקן דעם הימל פאַרצויגן
מיטאַמאָל — מיטאַמאָל.
ס׳זענען פייגל אין שרעק זיך צעפלויגן
פון די גערטנער אין טאָל.

אַזוי שיין איז געווען היינט דער מאָרגן —
פול מיט זון, פול מיט ליכט.
אַצינד אַלץ איז פאַרשטעלט, ווי פאַרבאָרגן
גאָר אַזוי אומגעריכט.

אַזוי פריידיק די זון כ׳האָב געפילט,
האָב געלויכטן אין גליק.
און אַצינד אַלץ אַוועק, אַלץ פאַרשפּילט,
ס׳קומט דער אומעט צוריק.

ס׳וועט אַ רעגן מסתמא באַלד זיין.
איך אַליין — אַ געוויין.

28 אַפּריל 1954

לעצטע בלעטער

לעצטע בלעטער — גאָלדיק בלייך —
הענגען טויטע אויף די צווייגן.
ביי די ביימער קופּעס הויך
ליגן זיי אין טויטן שווייגן.

ס'האָט דער פרילינג זיי געבאָרן,
זיי מיט בלומען רייך געצירט.
נאָכדעם זומער איז געוואָרן —
אנדערש האָט ער זיך געפירט.

ס'זיינען בלומען ווו פאַרשוווּנדן,
ס'וואַקסן דאָרטן פרוכט-געשווירן.
ס'ווערן גרעסער אַלץ די ווונדן,
גרין בייט דאָרטן די קאָלירן.

יעדע ווונד אַ פרה צייטיקט,
זיינע זאַפטן — צווייגנס טרערן.
שווער דער בוים געלאָדן ווייטיקט;
באַלד פון אַלץ וועט גאָרניט ווערן.

ס׳איז דער האַרבסט שוין אויך געקומען,
ס׳האָבן רעגנס קאַלט געשמיסן;
מענטשנס הענט און ווינט אין ברומען —
פרות, בלעטער אָפּגעריסן.

שטייען נאַקעטע דיביימער,
פּוסטע, הוילע זיינען צווייגן;
אייער גורל טייל איך, טרוימער,
טיף צעווייטיקט אין מיין שווייגן.

פעברואַר 1961

בלעטלעך אין ווינט

איר בלעטלעך אין ווינט
נאָר שיידלעך פון לעבן,
געיאָגטע אַצינד
פון ביימער דערנעבן.

איר טראָגט זיך אָן ציל,
אָן אָרט און אָן ווילן,
ביז רוען איר׳ט שטיל
אויפן באָדן דעם קילן.

דאָס ליכטיקע גרין
פאַרביטן האָט גאָלד־רויט
פון לעבן דער זין
ווערט זינלאָזער טויט.

עס קושט ניט מער שטראַל.
נישט שיכורט מיט לויב,
נאָר העלפט אין צעפאַל —
ער טריקנט ביז שטויב.

דער רעגן ניט פרישט,
ניט שפּייזט די געוועבן,
נאָר שפּורן פאַרווישט —
ניטאָ מער קיין לעבן.

די האַרבסטיקע בלעטער

די האַרבסטיקע בלעטער אומצייליק צעזייטע,
אין שיכטן, אין הורבעס די ערד זיי פאַרדעקן;
די נאַקעטע ביימער מיט צווייגן צעשפּרייטע,
מיט שלאַנגישע צינגלעך די פייכטקייט זיי לעקן.

דורך טאָג און דורך נאַכט ס'האָט כּסדר גערעגנט,
קיין סימן נאָך זעט זיך פון הימל אַ בלויען;
עס האָבן זיך בלעטער מיט ביימער געזעגנט,
באַגלייט מיט דעם קלאַגן פון ווינטיקן וואָיען.

די דעכער און ווענט אויך פאַרגאָסענע, נאַסע,
מיט פענצטער ווי אויגן האָבן צערפּול געקוקט;
געזען ווי פון ביימער-קעפּ גאָלדענע בלאַסע
עס ווערן די בלעטער אָן אויפהער פאַרצוקט.

אַ שטילקייט אין געסל, אין אומעט זי טרויערט,
צעווייטיקט אין בראָך, ווי אַ אבל, דערשלאָגן;
איר צער אין האַרצן זיך עגבערט און בויערט,
עס ריידן די בלעטער, דו הערסט ווי זיי זאָגן:

„מיר האָבן געלעבט נאָך ערשט גאָר, גאָר ניט לאַנג,
געקוויקט זיך, אַ נחת, מיט זונשיין און לופט;
אַזוי גייט דאָס לעבן זיין אייביקן גאַנג,
אַזוי איז דער טויט אויך — איעדן ער רופט...

ס׳וועט שפּעטער

פאַרדאַרטע די בלעטער זיי פאַלן
פון צווייגן פאַרחלשט אָרום;
אין נעפּל זיך לעשן די שטראַלן
אויףביימער גאָר טרויעריק, שטום.

אין פאַלן ווי פייגל זיי שוועבן,
געשאָסן פון יעגער אין פליען:
— די לעצטע מינוטן פון לעבן
אוים הימלען, אוים ווייטע ניט־היען.

פון גאָר לעצטע קרייזן דער פלי,
אַ קלעפּל, אַ שאָרזשקע, און — שטיל;
— דער לעצטער נשמה־צעגלי
ס׳האָט לעבן דערגרייכט שוין זיין ציל.

עס פאַלן און פאַלן די בלעטער,
אַליץ הוילער די ביימער זיי ווערן;
ס׳וועט שפּעטער אין לעבן, ס׳וועט שפּעטער —
ביז טויט וועט שוין אַלצדינג פאַרצערן.



אַ בוים

(קויל־צייכנונג, 24 x 18)

האַרבסט

עס שטייען שוין ווידער דיביימער פאַראָבלט,
אָן בלעטער, אָן פריידן, פאַרפינצטערט מיט טרויער.
אָן ענדלאָזע פוסטקייט אַרום זיי זיך טאָוולט,
ניט הימלען, ניט וואָלקנס — אַ חלל אַ גרויער.

ס׳איז אומעט־געוועבן אין נעץ פון די צווייגן,
ביז זון אָדער ווינט וועט פון דאָרט זיי פאַריאָגן.
ס׳וועט שטראַל און באַוועגונג פאַרטרייבן דעם שווייגן,
ס׳וועט גרויקייט פאַרשווינדן, ס׳וועט פינצטערניש טאָגן.

עס האָט מיך די נעץ פון די צווייגן געפאַנגען,
פאַרטשעפעט, פאַרפלאָנטערט אין צווייגיק געדריי;
ס׳זינגט אומעט, ס׳זינגט טרויער אוים שטומע געזאַנגען
פון צער, פון ליידן, פון מענטשלעכן וויי.

איך פיל ווי עס ציטערן צווייגיקע פינגער,
מיט שפּיציקע שאַרפקייטן שטעכן זיך איין.
עס דראַפּען און זייגן די טויזנטער צינגער,
און סמען אין מיר טיף זיי שפּייען אַריין.

כ׳וועל איינס מיט די צווייגן פון נאַקעטע ביימער,
אַ טייל פון געפלעכט אין דעם צווייגן־געדריי.
אָן אָפּקלאַנג פון קרעכצן ווערט נשמה פון טרוימער,
אַ קלאַנגלאָז געזאַנג פון דעם צער, דעם וויי.

נאָוועמבער 1959

אַ האַרבסט־שטימונג

ס'קוקט אומעטיק גאַס דורכן פענצטער אַריין
אין צימער צו מיר;
פאַרוואָלקנטער הימל גיסט צער און פּיין
אין האַרצן צו מיר.

אין בלייכע קאָלירן מיט אומעט דער פּאַרק
קוים שמייכלט צו מיר:
דער האַרבסט איז מיט אונדז שוין, מיר פילן עס שטאַרק —
פאַרטרויט ער צו מיר.

מיט נאַקעטע קעפּ אַ סך ביימער אָן בלעטער
זיי ריידן צו מיר:
„די טעג זיי פאַרשווינדן, ס'ווערט שפּעטער, אַלץ שפּעטער"
זיי זאָגן עס מיר.

— — — — — — —

יאָ, באַלד וועט דאָס לעבן אויף אייביק פאַרמאַכן
די טירן פאַר מיר.

1959

ס׳איז אויך וואָר אַ חלום נאָר

קאַלטע הימלען האַרבסטיקע,
ערד אין פלעקן בלאָטיקע,
ביימער־קעפּלעך באַרשטיקע,
צווייגן־צינגער שפּאָטיקע.

הייזער מרה־שחורהקע,
נאַסע ווענט פאַרגאָסענע,
פענצטער־בליקן מוראקע,
טירן שטום פאַרשלאָסענע.

גאַסן גליטשיק — שלאַנגען־גלאַנץ,
מענטש, מאַשין אין ווילד געאייל.
בלעטער יאָגן — טויטן־טאַנץ,
לעבן־לאַנג איז נאָר אַ ווייל.

ס׳איז אַ חלום אויף דער וואָר,
ס׳איז אויך וואָר אַ חלום נאָר.

3 יאַנואַר 1954

אומעטיק ווערט

פריש איז די שעה,
גרויסשטאָט אין ווענט;
הימל אין גראָ
צווישן פאַרקלעמט.

בייכיק די גאַס
ווייט זיך צעלייגט,
טויאיק, נאָך נאַס,
שטילקייט זי זייגט.

פוסט טראָטואַר,
רעדט ניט מיט טריט;
פריי אַליין האַר,
אומעטיק גליט.

אָרקעדם כ׳זע צוויי
ליגן אויף דר׳ערד;
וועלקן אַזוי,
ס׳מזל — באַשערט...

פריער, ביינאַכט —
ליבע, געזאַנג.
זי האָט געלאַכט,
זאַט זיין פאַרלאַנג...

שפּעט, שוין עס טאָגט,
מ׳שיידט זיך, צעקושט...
אַ ווינטל פאַרטראָגט
אָרקעדם פאַרחושט.

ליגן דאָ זיי,
פוילן אויף דר׳ערד.
זעסט זייער ווײ —
אומעטיק ווערט.

יאַנואַר 1954

ס'איז קאַלט

ברר... ס'איז קאַלט.
פילסט אַ פייכטקייט ווי ס'הענגט אין דער לופט,
אין באַהאַלט...
הערסט אַ פויגל גאַר נאָנט ווי ער רופט —
קראַ, קראַ, קראַ...

פוסט דער בוים,
פון זיין שפּיץ הערסט געשריי פון דער קראַ.
זעסט זי קוים,
אַ שוואַרץ פלעק אויף דעם הימלישן גראַ.
קראַ, קראַ, קראַ...

עס ווערט שטיל,
זע, עס פליט ווו די קראַ אַוועק ווייט,
אָן אַ ציל.
הערסט ניט מער, ווייסט ניט מער צי זי שרייט
קראַ, קראַ, קראַ...

ווי פאַרשטומט
האָסט מיט פינגער דאָס קראַיש געשריי,
דאָך עס קומט
אַ דערשטיקטס, שוואַך און שטיל, אָט אַזוי:
קראַ, קראַ, קראַ...
ברר... ס'איז קאַלט.

6 דעצעמבער 1953

ווי קאַלט ס'איז דער גרין פונעם גראָז

ווי קאַלט ס'איז דער גרין פונעם גראָז
דורך גרוי פון פאַרוואָלקנטע הימלען,
אַזוי אויך דעם לעבנס „צו וואָס"
דורך יאָרן צעפאַל און פאַרשימלען.

סטראַשידלעס עס זיינען די ביימערשע שטאַמען,
נישט־גוטע זיך הייבן פון דר'ערד דאָרט אַרויס;
מיט קאָלטונעס־קעפּ, ניט באַרירטע פון קאַמען,
מיט טויזנטער צונגען זיי שיפּען זיך אויס.

טויט־בלייכע עס ליגן צעשראָקן די וועגן,
מיט פוסטקייט זיי זוכן אַ שוץ אין דער ווייט.
אין ציטער עס טוליען צו זיי זיך די שטעגן,
זיי פילן, כאָטש ניט וויסן, פון שרעק דעם באַדייט.

פון בלייענע הימלען אַ גרויקייט זיך זייעט,
אומזעבאַר זיך שפּרייט אויס אַ שטיקנדע מורא;
אין חלל באַהאַלטן, אין פוסטקייט פאַרטאַיעט,
זי נאָגט און זי פּייניקט, ווי זינד, ווי עבירה.

אַפּריל 1953

צי זיינען די טראָפּנס פון רעגן...

קום, זאָג מיר, איך בעט דיר, וואָס זאָל עס באַדייטן,
צי זיינען די טראָפּנס פון רעגן ניט טרערן,
פון היינט און פון נעכטן, ביז גאָר אַלטע צייטן,
וואָס אייביק זיך גיסן, ווען קיינמאָל אויפהערן?

די טרערן פון גראָזן צעקוועטשט אין יסורים,
פון גרינסן, דורך ציינער פון חיות צעריסן;
פון יונגינקע בלעטער צעגריזשעט דורך ווערים,
דורך שנאָבלען פון פייגל צעלעכערט, צעביסן?

פון פליגן אין שפּינוועבס אין וויינענדיק זשומען,
ביז שפּין מיט רחמנות זיין קרבן וועט שטילן? —
ווער וויים, אויב אויך שפּעטער, פאַרוויקלט צו שטומען,
נאָך לאַנג זיך ניט מאַטערט ביז ס'קומט זיין פאַרקילן?

פון ווערעמלעכס ווייטיק-געקורטשעטע גופן,
געטראָגן אין שנאָבלען פון פייגל צו נעסטן —
אין פּיסקלעך געפינען זיי זייערע סופן —
עס קוועלט פויגלס הארץ אָן ווען קינדערלעך עסן?

פון פויגל אין פלאַטער, אין לופטן ביים קוליען,
געשאָסן פון יעגער אין פרייד פון ספּאָרט-שפּילן,
נאָכן פאַלן פון הויכן צו דר'ערד טוט זיך טוליען —
ביז הינטישע ציינער זיין גסיסה פאַרשטילן?

פון חיהלעך שטילע אין פעלד און אין וואַלד,
גערייאָגטע פון חיות ווילד-גיריק נאָך רויב,
אָן אָטעם, אין טויט-שרעק... אָט, אָט... באַלד...
פאַרצוקטע... אַ זכר נאָר בלוטיקט אין שטויב?

פון פישן אין נעצן געכאַפּטע מיליאָנען —
דורך פישערלייט דרייסטע, געניטע אויף ימען —
אין פעסער פאַרפּאַקטע, אין גאַנצענע טאָנען,
אין לאַנגזאַמער גסיסה זיי שטאַרבן צוזאַמען?

פון עופות און בהמות פאַר שחיטה צום עסן,
אין שטייגן און שטאַלן געפּאַקטע דערנעבן,
דער אומעט אין אויגן — ווער קאָן עס פאַרגעסן? —
וואָס שטיל אַזוי בעט זיך: „זעט, לאָזט אונדז נאָך לעבן"?

פון מענטש, דעם אַלץ-ווייסער, דעם הערשער אַליין,
אָט נאָר וואָס געבאָרן, זאָגט אָן, אַז ער קומט
מיט שרייען, מיט קווויטשען, מיט ערשטן געוויין,
און נאָכער... שטיל אין זיך... ביז טויט אים פאַרשטומט.

ער וויינט אויס זיין צער, יסורים און ליידן,
אין קאַמף פאַר אַ לעבן, געטריבן פון קנאה;
פון טויט פון די נאָנטסטע, וואָס מ'קאָן ניט פאַרמיידן,
פון מאָרדן מיליאָנען אין שלאַכטן דורך שנאה?...

עס רינען און גיסן זיך אויפהער די טרערן,
די פולע שוין ימען ווילן העכער אַלץ גרייכן.
דער נדר פון גאָט, ס'זאָל קיין מבול מער ווערן,
מאַכט איבערפלוס אויסגיין אין הימלישע הויכן.

פאַרן כסא-הכבוד זיי ציען אין שטראָמען,
פאַר גאָט לאָדן אוים דאָרט דעם צער, דיליידן.
געלייטערט, געבענטשט פון „זיין ליבן נאָמען",
צו ד'רערד זיי צוריקגיין מיט ברכה און פריידן...

קאָנסט זען זייער קומען אין טראָפּנס פון רעגן
פון הימלישע הויכן, פון וואָלקנס וואָס שוועבן
פאַר פלאַנץ און פאַר חיה, פאַר אַלעמענס וועגן,
זיי טראָגן און ברענגען נאָר חיות און לעבן...

יאַנואַר 1953

האַרבסט־מאָטיוו

פון הימלען אין גרויען,
פון טאָלן אין טויען,
פון ווינטן אין וואָיען —
הערסט אייגענע אויען.

פון בלעטער געגילדטע,
פון שטראַלן געקילטע,
אין פייגל פאַרשטילטע —
זעסט יאָרן פאַרשפּילטע.

פון ענדלאָזע וועגן,
אין פליוכען פון רעגן,
אין טראָפּנס וואָס פרעגן —
פילסט לעבנס־געזעגן.

אייביקער שטומען

שוין ווידער אַ מאָרגן אַ גרויער איז היינט,
מיט פינצטערע הימלען, אָן זון און אָן שטראַלן.
ס׳איז אַלץ אַזוי קאַלט, ס׳האָט יעדער דיך פיינט,
אין שנאה דערטרונקען די וועלט איז — פאַרפאַלן.

ס׳איז אַלץ אַזוי טונקל, פאַרחושכט און שוואַרץ,
ווּ זיינען פאַרשוווּנדן די ליכטיקע פאַרבן?
עס גריזשעט דער וואָרעם פון אומעט מיין האַרץ,
קריכט טיפער, קריכט העכער, גרייכט באַלד אויך דעם שאַרבן.

זעסט הייזער קוים ווייט ווּ דורך נעפל געדיכטן,
פון צווייגן און ביימער קוים שאָטנס פאַרבליבן.
אויף דר׳ערד זיך צעלייגן די וואָלקנס אין שיכטן;
ניטאָ מער קיין ערד, אוים מיט הימלען די זיבן.

אין שוואַרצע תכריכים פאַרוויקלט די ערד ליגט,
אַנטלאָפן איז גאָט ווּ, האָט הימלען פאַרנומען,
נאָך איידער דער חורבן פאַרברענט אַלץ, דערשטיקט,
און גאָרנישט וועט זיין מער — אָן אייביקער שטומען...

3 יולי 1961

פון וואַנען זײַט איר, וואָלקנס, געקומען

פון וואַנען זשע זײַט איר, איר וואָלקנס, געקומען,
ווו אײַלט איר, ווו יאָגט איר אין מורא, אין שרעק?
איר רוגזהט און צאָרנט מיט פינצטערן שטומען
ס׳האָט הימל פאַרשלונגען אַ טויטער פאַרדעק.

מיט פינגער פון גרויסע, גיגאַנטישע שפינען,
איר קריכט און זיך גראַבלט צו דר׳ערד שוין גאָר נאָנט;
וואָס זוכט איר, וואָס כאַפּט איר, וואָס ווילט איר געפינען,
ווער איז דאָס דער קרבן, וואָס גיריק איר מאָנט?

דאָרט העכער מכשפות אויף בעזעמער רײַטן,
צעפּאַטלטע האָר, ווי די שפינוועבס זיך ציען;
כאַלאַטן צעשפּרייטע זיי פליגלען פאַרבײַטן,
עס שטעכן שאַרף־שפּיזיק די אויגן דורך וויעס.

אַלץ שוואַרצער און שווערער די וואָלקנס זיי ווערן,
געדיכט שפּרייט די פינצטערקייט פּחד און קעלט;
די אויגן פאַרמאַך איך, ניט זען כ׳וויל, ניט הערן.
אָט באַלד קום איך אום אין דעם חורבן פון וועלט.

אָוונט

אין קאַרניז פון אַ וואַנט מיט אַ דאַך,
אַ שפּיץ שטראַל זיך פאַרטשעפּעט עס האָט;
אַ שטיק פייער מיט ליכט גאָר אַ סך
האָט בריליאַנטן געטאָן אַ צעשאָט.

אין דער ווייטנס דער הימל איז דאָרט
פון דער זון גאָר שטאַרק רויט אָנגעברענט;
ער זינגט אויס זיין געזעגענונגס-וואָרט
צו די ביימער, די דעכער, די ווענט.

ס'עכאָט אָפּ מיט זיין פאַרב הימל-רויט,
שפּיגלט פון דאַך און וואַנט זיך אַרויס;
ביז אין מערב די זון דאָרט פאַרגייט,
אין צעשפּיל פון דעם ליכט טאָג גייט אויס.

ס'ווערן קאַלט דאַן די ווענט, טונקל-גרוי,
הימלס רוים ווערט אַ חלל, גאָר פּוסט;
און די לופט — אַזוי קיל, אַזוי רוי —
זייט אַ בענקשאַפט, אַן אומעט אין ברוסט.

אַ טומאַן

דו שטייסט ביי דעם פענצטער און קוקסט,
וואָס איז דאָרט אין דרויסן געשען?
ערד, וואַסער, דעם הימל דו זוכסט —
ס'איז נעכטן אַלץ דאָ דאָך געווען.

דו קוקסט און שטרענגסט אויגן זיך אָן:
וווּ איז אַלץ, זען עפּעס דו ווילסט;
זעסט גאָרניט — נאָר איין גרויער טאָן,
און אייגזאַם, פאַרלאָזן זיך פילסט.

וווּ איז ער דער ברעג דאָרט דער נאַסער
אין קאָליר פון גראָזן און זאַמד?
וווּ איז ער דער בלוי־גרויער וואַסער,
וואָס שפּיגלט די ברעגן ביים ראַנד?

וווּ זיינען די עלנטע שטיינער,
וואָס שטאַרצן פון וואַסער אַרויס?
און וווּ איז דער אינדזל דער קליינער,
וואָס זעט ווי אַ כישוף־שלאָס אויס?

וווּ זיינען די הייזלעך די שיינע,
וואָס האָבן ביים ברעג זיך צעלייגט,
און אָפּט אין די וואַסערן ריינע
זיך שפּיגלענדיק קונציק געבייגט?

אויף יענער זייט וואַסער, העט ווייט
האָט בוים זיך אין וועלדער געבלויט
און וואָלקנס געפּוצט זיך פאַרשייט,
ווען הימל פאַרגאַנגען איז רויט.

אַצינד איז ניטאָ שוין קיין זאַך מער,
ס'איז הימל אַרונטערגעפאַלן;
זיין משא צעדריקט האָט אַלץ שווער,
צעריסן די זוניקע שטראַלן.

ס'האָט אַלץ דאָ פאַרשאָטן טומאַן,
אַ סוף צו דעם לעבן שוין קומט;
געווען אַלץ און — מער ניט פאַראַן —
ס'איז אַלץ שוין אויף אייביק פאַרשטומט.

וואָלקנדלעך

(נאָך אַ רוסיש ליד)

איר וואָלקנדלעך קליינינקע,
נשמהלעך רייניקע,
אויף הימלען אין גאַנצענע טעג.

טוט אייביק איר וואַנדערן,
יאָגט איינער דעם אַנדערן —
אומענדלעך און ווייט איז דער וועג.

איר טוט מיר, דעם זינדיקן,
דאָ שטענדיק נאָר קינדיקן,
ווי נישטיק עס איז דאָ מיין לעבן.

טאָ לויפט זשע דאָרט גיכער,
ס'איז אייער וועג זיכער —
מיט אייך זאָל מיין נשמה אויך שוועבן...

פאַרנאַכטן

שפּעטע שעהן,
לעצטע שטראַלן,
אוונט־שאָטנס
קומען אָן.

פאַרבן שפּילן,
הימל לעשט זיך;
טאָגס גסיסה
קומט באַלד אָן.

ס׳ליגט פאַרבלוטיקט
טאָג אין הימלען.
גוססט... ס׳קומט זיין
טויט שוין אָן.

„גוט-מאָרגן"

די לופט האָט די זון גוט צעוואַרעמט,
אַ רעגנעלע האָט עס צעווייכט;
פון הימל אין פריידן געאַרעמט
די שטראַלן האָבן ערד דאָ דערגרייכט.

נאָכן רעגן די ערד אַזאַ נאַסע
אין פלעקן ליגט שוואַרץ צעווייקט;
זי כאַפּט אויף די שטראַלן די בלאַסע,
אין לוזשעס פול וואַסער זיי לייגט.

מיט פייכטקייט אין פּאַרק די לופט ווייט,
צעפּראָרן גרין גראָז איז דערפרישט;
אין בלעטער אויף דר'ערד צעזייט
אַ גאָלד אין דעם קופּער זיך מישט.

די ביימער מיט צווייגן ווי צינגער
מיט דורשט טרינקען אוים דער זונס ליכט;
אויף אַלייען די שאָטנס מיט פינגער
זיך שפּרייטן אין נעצן געדיכט.

דאָס האָט אַזוי זון מיט אַ שמייכל,
אין קאַלטן און האַרבסטיקן טאָג,
פון ליכטיקן הימלישן היכל
„גוט-מאָרגן" געטאָן זיך אַ זאָג.

ווינטן

בלאָזן ווינטן, קאַלטע, שטאַרקע,
איילן, לויפן, פליען גיך;
רייסן שטיקער פון די הימלען
און מיט וואָלקנס שפילן זיך.

ס׳יאָגן גראָזן איינס אַן אַנדער,
ס׳טרייבט דער ווינט זיי אין געלויף —
פאַלן צו דער ערד אַנידער,
שפרינגען גלייך באַלד ווידער אויף.

קוסטעס וואַרפן זיך אין ווייטיק,
מיט די צווייגן רעטונג זוכן;
דראַפּען, שמייסן איינס דעם צווייטן
און דעם בייזן מזל פלוכן.

ביימער בייגן זיך אין דרייען,
צווייגן וואַרפן זיך אין שרעק;
ס׳פאַלן בלעטער אָפּגעריסן,
פון די שטאַמען ווייט אַוועק.

ס׳איז דער הימל שטאַרק פאַררוגזהט,
פון די הויכן קוקט אַהער —
און פון זיין פאַרוואָלקנט פּנים
פאַלט אַ קאַלטע, נאַסע טרער.

1942

דער פּוסטער פּאַרק

דער פּוסטער פּאַרק
רחמנות וועקט,
אַ גרויער הימל
מיט וואָלקנס שרעקט.

גרין גראָז זיך גרויט,
פון קעלט זיך קאָרטשעט;
אַ פּוסטער קוסט
מיט צווייגן טאָרטשעט.

די געלע בלעטער
זיי שורזשען ביי׳ניק,
פון ווינט געבלאָזן,
אין בראָך פאַראייניקט.

די קעפּ אָנטבלויזט,
אבלים ביימער
אין טרויער שטייען
די שטילע טרוימער.

אַ שווערער הימל
קוים הענגט פאַרפראָרן
אין גרויער קעלט
גייט אַלץ פאַרלאָרן.

דיין ליכטיקע וועלט

איך גלויב אין דעם גלויבן,
אין האָפן — ס'וועט קומען,
אין מענטשנס דערהויבן,
אין ווונטש זיין עכט-פרומען.

ס'איז נאַכט אין פאַריבער,
די שעה שוין פון מאָרגן
אין גרויקייט נאָך טריבער
איז זונשיין פאַרבאָרגן.

זע, וואָלקנס צעפליען,
ווייט הימלען זיך בלויען.
לאָז פאַלן די וויען
אין גלויבן, פאַרטרויען.

פיל ווינטעלע קילן,
ס'זאָל פנים דיר קושן;
זיין בשורה וועסט פילן
מיט פיינקייט פון חושים.

זי קומט פון די הימלען,
פון ווייטע גאָר ווייטן;
זי וועקט דיך פון דרעמלען,
זאָגט צו נייע צייטן.

מאַך אויג אויף ווייט אָפן,
ס'איז טאָג שוין צעהעלט.
אין גלויבן, אין האָפן —
דיין ליכטיקע וועלט.

יאַנואַר 1954

ווינטער־מאָטיוו

אַ בלויער הימל לייכט זיך גרינט,
און זון מיט שטראַלן וואַרעמט שניי.
אַ בוים מיט צווייגן בילדער שפּינט
מיט צווייג־געפלאָנטער און געדריי.

אַ קוימען איבער ווייסן דאַך
מיט ציגל געל און רויט געפאַרבט —
אין זונען־שיין אַ פריידיק־לאַך
פון אַלץ וואָס לעבט און נאָכער שטאַרבט...

צאָם פאַרשאָטן הויך מיט שניי
זיך הנדלט ביי אַ ברוינער וואַנט,
ווו שניי־פאַרפּוצטע פעסער צוויי
זיך קושן, האַלדזן זאַלבענאַנד.

די ערד איז ליכטיק, ווייס און ריין
מיט בוים און הויז אין שטילער תפילה.
עס דוכט, דאָס לעבן קאָן זיין שיין,
און וועלט — אַ פרידלעכע, אַ שטילע...

יאַנואַר 1957

די בלויקייט פון שנייען

די בלויקייט פון שנייען אין שפּעטע פאַרנאַכטן,
אין שעה פון פאַרגיין, אין מינוטן פון גסיסה.
די נאַקעטע ביימער אין אומעטיק טראַכטן,
מיט צווייגן פאַרבענקטע נאָך זומערן זיסע.

אַ הימל אַ קאַלטער הענגט נידריק פאַרלאָרן —
אַן אייזיקער ים פול מיט וואָלקנס ווי קריעס.
קיין זאַך זיך ניט רירט גאָר, אַלץ שטייף איז פאַרפראָרן,
ס׳דוכט טויט איז די וועלט שוין, קיין לעבן, קיין חיות.

ס׳ווערט טונקעלער, פינצטערער, שוואַרץ דער אַרום.
פון דר׳ערד נאָר די שנייאיקע ווייסקייט אַליין
מיט פינצטערניש ראַנגלט פאַרביסן און שטום,
אַזש ס׳בלויט זיך די ווייסקייט, איז מער ניט עכט ריין.

ס׳געמיש פון דעם בלוי, ווי דאָס בלוי פון דעם שטאָל,
די ווייסקייט עס שטאַרקט — ס׳וועט זיין טאָג נאָכאַמאָל.

יאַנואַר 1954

עס שנייט

ס׳האָט דער ווייס פון די שנייאיקע דעכער
הויך דעם ראָז פון די הימלען פאַרבלייכט,
און ס׳איז ערד אין איר ווייסקייט נאָך העכער —
פון די הימלען אין גרויקייט באַהויכט.

אַזוי ווייס, אַזוי שטיל, אַזוי ציכטיק
איז די ערד אין איר ווייסקייט גערייניקט,
אַז ס׳זעט מאָרגן גאָר אוים ווי ניט ליכטיק
קעגן שנייאיקער ווייסקייט געאייניקט.

פּאַסן ליכט, זע, דעם חלל צעשניידן,
און דער זונס אייז־פאַרפראָרענע שטראַלן
קענען סוף פון באַשערטקייט ניט מיידן —
און פאַרלאָשן, צעבראָכן זיי פאַלן.

נאָר אויך טויטע — זיי לייכטן און שיינען,
ערד אין ווייס ליכט ווערט הימל אַליין גאָר;
דיר דוכט מענטשן — מלאכים זיי זיינען,
האָפסט דיין חלום וועט ווערן אַמאָל וואָר.

יאַנואַר 1954

בלויע פאַרנאַכטן

פון וואַנען קומט אַן אַט דער אומעט דער בלויער,
אין בלויע פאַרנאַכטן אויף פעלדער פאַרשנייטע?
צי ברענגט אים דער הימל דער נידריקער, גרויער?
צי איז עס די פוסטקייט פון פעלד ניט פאַרזייטע?

צי זיינען עס שורות פון שטעקעלעך קליינע,
צעשטעלטע אין רייען די לאַנגע און גלייכע,
אַזוי ווי מצבות דאָרט שוואַרצע אַזוינע —
נאָך פעלדער מיט לעבנס אין זומער גאָר רייכע?

און אפשר דאָס זיינען פון קוסטעס די צווייגן,
וואָס שטעקן אַרויס פון די שנייאיקע ימען,
דערציילן פון שטורעמס און קעלטן וואָס שטייגן,
וואָס פרירן, וואָס טויטן מיט אייזיקע סמען?

און מעגלעך דאָס זיינען די איינצלנעביימער,
ווי איינזאַמע וואָגלער אין שנייאיקע ווייטן;
די אמתן-זוכער, די אייביקע טרוימער,
די צייכנער און בויער פון קומענדע צייטן?

צי אפשר די שוואַרצקייט פון פלעקן אויף שנייען,
פון הייזער מיט מענטשן אין נאַרישן שפּילן,
אַז זיי אָט דעם אומעט אין הארצן פאַרזייען,
ווייל איך אויך, ווי זיי, וויל מיין נשמה מיר שטילן?

אָ, פעלדער פאַרשנייטע אין בלויע פאַרנאַכטן,
ווען הימל מיט ערד גיסט צונויף זיך צוזאַמען,
די בענקשאַפט איר ברענגט אין מיין פּילן, מיין טראַכטן
צו געטלעכער גרויסקייט — פון מענטשעלע קליינעם...

ווייסע פעלדער, שניי־באַדעקטע

ווייסע פעלדער, שניי־באַדעקטע,
ביימער גרויע אין דער ווייט
ווו־ניט־ווו מיט קוסט באַפלעקטע,
אַ, ווי פרידלעך־שטיל איר זייט!

ס׳האָט די ווייסקייט אַלץ פאַרשלונגען,
יעדע פאַרב פון גראָז און בלום;
ס׳לויכט אַ וועלט אין ליכט צעזונגען,
צאַרטע שטילקייט — דער אַרום.

ווייס די ערד, און גרוי דער הימל,
ווייסער וואָלקן זיי פאַרבינדט;
ווייט — אַ וואַלד אין בלויען דרימל
פאַר זיי ווי אַ מחיצה דינט.

קליינע קוסטעס — גרויסע שוואָמען
הייבן קעפּלעך ברוינלעך־געל;
גאָר פאַרשווינדן טייכן, שטראָמען,
זעסט ניט מער זיי איילן שנעל.

באַרג אַרונטער שעפּסן קריכן,
ס'ציט אַ סטאַדע זיך צום טאָל;
שניי־באַצויגן ווי מיט טשיכן
זיינעןביימלעך פון אַמאָל.

באַרג־צופוסן הייזלעך שיינע
נורען טיף זיך אין דעם שניי;
טירן, פענצטער — אייגלעך קליינע,
אויף גאָטס וועלטל קוקן זיי.

דער שניי־שטורעם

אין טיפֿן שניי ליגט ערד באַגראָבן,
עס נעמט קיין סוף צום שטורעם־שניי;
ס'דוכט הימלען זיך צעריסן האָבן,
און ווייסע שטיקלעך פֿאַלן זיי.

ניטאָ מער הימלען אויבן בלויע,
אַ גרויער חלל וויִם זיך פֿלעקט;
עס בלאָזט אַ ווינט מיט קאַלטקייט רויע,
געדיכטער שניי דאָ אַלץ פֿאַרדעקט.

עס וועבט זיך שניי אין זילבער־טיולן
און דין זיך דורכזיכטיק ער שפּרייט;
עס האָט ווער פֿון אַ אוצר פֿולן
מיט גאָלד, בריליאַנטן זיי באַנייט.

אָט איז אַ פֿעלד — איין מאַרמאָר־שטיק
אין טיפֿער ווייסקייט שיינט פּאָלירט;
אויף אים שניי־בינטלעך פֿול מיט גליק
אַ טענצל גייען, ווינט געפֿירט.

פֿון בערג אַרונטער שניי זיך גיסט,
צעשפּריצט, צעשטויבט — דעם טאָל דערגרייכט;
ס'ציט פֿלאַך זיך טאָל פֿאַרשנייט, פֿאַרוויסט,
און ווייטער פֿוסטקייט אומעט בלייכט.

די וועלדער אַלט, געדיכט מיטביימער,
פאַרהאַלטן ווינט מיט צווייגן־הענט;
געיאָגטער שניי, דער וועג־פאַרצוימער,
צעלייגט זיך הויך אין גאַנצע ווענט.

אָט שטאַרקער איז דער ווינט געוואָרן,
ער בלאָזט מיט רוגזה און מיט כעס;
ס'האָט אשמדאי זיך היינט פאַרשוואָרן
קאַטאָוועס טרייבן, אַ ביסל שפּאַס.

מיט טויזנט בעזעמער געקערט
ווערט שטויביק שניי, וואָס אַלץ פאַרדעקט;
דאָס סאָפּען פון דעם ווינט זיך הערט,
זיין וואָיען ביז אומהיימלעך שרעקט.

אַ וואָלקן שניי, ווי ווייסע רויכן,
צעציט זיך לאַנג, אויף דר'ערד זיך שאַרט;
אַ צווייטער רייסט זיך אין די הויכן,
פאַר זיך אַ וועג אין הימלען שפּאַרט.

דער ווינט דעם שניי באַלד ווילד צעטראָגט,
פון דר'ערד זיך גאַנצע וואָלקנס הייבן —
ווען איינס דעם צווייטן הויך דעריאָגט,
אין ים פון שניי פאַרשווינדן אויבן.

עס האָט צעשפּילט זיך דער געוויכער
און אַלע שדים פרײַ געלאָזט;
ס'איז מער קיין זאַך מיט לעבן זיכער,
מיט פראָסט און טויט זײַן אָטעם בלאָזט.

ס'צערײַסט דעם הימל ווינטנס יאָגן,
ווי ווילדע הינט אין משוגע-לויף;
ס'וואַרפט פחד זייער גרויליק קלאָגן,
דאָס ווילדער וואָיען הערט ניט אויף.

עס טראָגט זיך שטורעם אין זײַן הוליען,
די וועלט צעשטערן וועט דער ווינט;
די וואָלקנס מישן זיך און קוליען,
די ערד און הימל טויט פאַרבינדט.

אונטערן שניי

דורך הורבעס פון שנייען אַ סטעזשקע זיך שלענגלט
אַ טייכל אַ שמאָלער אין שנייאיקע טאָלן;
פאַרצויגן מיט אייז דאָך ער אונטן זיך ראַנגלט,
כדי וואַסערן זיינע פריי פליסן זיי זאָלן.

די ביימער און קוסטעס ביים טייכל אויף ברעגן,
וואָס העלפן זיי פלעגן אין גאָר גרויסע היצן,
זיי טאָן קאָנען גאַרניט איצט פון זיינעטוועגן —
פון שניידיקע קעלטן דעם טייכל צו שיצן.

די ביימער ביים ברעג מיט די וואָרצלען זיי הערן
טיף אונטער אייזס צודעק דעם טייכלס שטיל פליסן,
שאַ שטיל, ס׳וועלן וואָרצלען דעם טייכל ניט שטערן
ס׳געזאַנג פון דעם לעבן זיך אונטן פריי גיסן.

צום טייכל זיך טוליענדיק קוסטעס נאָענט ליגן,
מיט פוכיקע קאָלדרעס פון שניי איינגעדעקט;
ווי פיצעלעך קינדער אין זייערע וויגן,
פון שלאָף זיי דאָס מורמלען פון וואַסער ניט וועקט.

און אויבן, אויף מיילן, די פעלדער פאַרשנייטע,
די וויסינקע בערגלעך שווער קעפלעך זיי הייבן;
מען זעט קוים די וועלדלעך פון שנייען פאַרווייטע,
עס קוקט קאַלט אַרונטער דער הימל פון אויבן.

פאַרפרוירענע וועלט, אין תכריכים באַקליידט,
אָן פויגל-געפּלי, און אָן פליגל-צעזשום,
אָן בלומען-צעבלי, אָן צעגרין פון דער בייט —
בית-עולם-שטילשווייגן צעשפּרייט אומעטום.

דאָך אונטער דעם שניי גייט אַ לעבן דאָרט אָן:
עס רוט דאָרט אַ זשוקל, אַ שפּראָצל זיך וואַרעמט,
אין פליסן — דאָס טייכל ציט שטיל זיך זיין טאָן,
און לעבן מיט טויט גייט צוזאַמען געאַרעמט...

פון פאַרק

איך בין אָקאָרשט פון פּאַרק געקומען,
איך טראָג אין זיך זיין ווייסן שטומען:
פון שניי פאַרשאָטענע אַלייען,
פון גראָז דערשטיקטן אונטער שנייען.

איך פיל דעם לעצטן גסיסה-ציטער
פון — אונטער שנייען — קוסטעם ריטער,
און טיפן בענקען פון אַ מאַמען
נאָך בלעטער פון די ביימער-שטאַמען.

איך זע דעם אומעט פון די צווייגן,
אין הוילער נאַקעטקייט זיי שווייגן,
און איבער ביימער — הימל גרויער
אין וואָלקנס, טיף פאַרשטומט אין טרויער.

אין פרייד פון יונג־לעבן

איר קופּערנע בלעטלעך אויף ביימלעך, אויף קוסטעס,
אין טאָלן, אויף בערגלעך דאָרט איינזאַם צעשפּרייטע —
ווי קומט איר אַהער דאָ אויף פרירנדע וויסטעס,
אויף פעלדער, אויף לאַנקעס פאַרפראָרן, פאַרשנייטע?

דאָס זייט איר צו שפּעט שוין אין האַרבסט ערשט געקומען,
ווען הימלען, דערטרונקען אין אָפּגרונט אין גרויען,
פון ווייטקייטן קוקן מיט פינצטערן שטומען,
און שרעק זיך באַהאַלטן פון ווינטיקן וואָיען.

אין קינדהייט פאַרוויגט האָט דער ווינט אייך, דער שטורעם,
געוואָרפן, געשליידערט מיט רוגזה, מיט כעס;
ס'האָט פרירנדע קעלט אייער אויסזען געפורעמט,
ס'האָט פליוכנדער רעגן געווייקט אייך ביז נאַס.

נאָכער האָבן שנייען געשאָטן כסדר,
און פראָסטיקע קעלט האָט אייך אייזיק געפראָרן;
„פאַרבלייבן אויף צווייגן" — געוועזן אייער נדר,
דאָ זייט איר, כאָטש ס'גרין איז פאַרקופּערט געוואָרן.

אָט שמייכלט די זון און זי קושט אייך מיט שטראַלן,
אויף קופּערנע בלעטלעך אַ גאָלד האָט צעשפּילט זיך.
אויף שנייאיקער ווייסקייט גיסט ליכט זיך אין קוואַלן,
אין פרייד פון יונג־לעבן אַן ענטפער דערפיל איך.

מערץ 1960

ס'האָט לעבן אַ ווערט און אַ זין

די געלקייט פון גראָזן פּאַריאַריקע,
דערפרישט און באַיוגנט מיט גרין,
אַנטבלויזט ערד ווי פליכן אָנהאָריקע —
מיט פוך זי פּאַרציט זיך גאַנץ דין.

פון קוסטעס צעוואָרפענע ריטער
זיי גלייכן אוים שפיצן צוריק;
צעשמיסן פון ווינט און געוויטער,
שפּראָצן קעפּלעך ניי לעבן און גליק.

די ביימער — באַלעבאָסטעס ברייט יוסטע
צום פרילינג דעם נייעם זיך גרייטן;
די שטאַמען און צווייגן די פּוסטע
אין זון זיי צו וואַרעמען שפּרייטן.

פון הימל מיט וואָלקנס באַשפּרינקלט
די יונגע זון וואַרעמט אָן קוים;
די לוזשקעס אין פּאַרק זי צעפינקלט,
אין ליכט פלעקט זיך צווייג און דער בוים.

אויף ווינטעלעך צאַרטע גאָר פלינק און געשיקט
זיך טראָגן די בשורות פון יוגנט און גרין;
ס'איז ווידער די וועלט מיט אַ פרילינג באַגליקט,
ס'האָט זיכער דאָס לעבן אַ ווערט און אַ זין.

אַ ביימל שטייט דאָרט ביי מיין פענצטער

אַ ביימל שטייט דאָרט ביי מיין פענצטער,
טעג, וואָכן, חדשים, שוין יאָרן;
ביינאַכט מיך עס שרעקט מיט געשפענסטער,
בייטאָג איז אַ פריינד מיר געוואָרן.

אין פרילינג ס'דערקוויקט מיט יונג־גרין,
מיט פּיצעלעך בלעטעלעך פרישט;
עס זאָגט מיר: „ס'האָט לעבן אַ זין,
צען „יאָ"ען פאַרשרייען דעם „נישט".

אין זומער צעוואַקסט זיך עס גרויס,
מיט צווייגן פול בלעטער עס רעדט;
„קום, קיל אין מיין שאָטן זיך אויס,
דאָס ווינטל מחיהדיק גלעט".

אין אָסיען די גאָלדענע בלעטער
זיי ריידן דורך פענצטער אַריין:
„אין לעבן ווערט שטענדיק אַלץ שפּעטער —
מיר בלעטער ווי טעג פון דיין זיין".

אין ווינטער די צווייגן פול שניי,
דאָס ביימל פרירט, ציטערט פון קעלט;
אויך איך פיל גאַנץ אָפט אויך אַזוי
אין אונדזער פאַרהיהשטער וועלט.

אוים ווינטער — אַ פרילינג אַ נייער,
צוריק גרין איז ביימל געוואָרן;
מיר ביידע אין פריינדשאַפט געטרייער
פאַרבונדן מיר זיינען שוין יאָרן.

בארג און טאָל

צווישן בערג

ווען צווישן בערג דו גייסט אליין
אויף זאמדיק וועג אראפ־ארויף;
דו זעסט ווי' אלץ ארום איז שיין,
א פרעכטיק בילד דיר מאָלט זיך אויף.

די בערג — פארשידן זיינען זיי
אין אויסזען און אין גרויס;
דו זעסט א בארג מיט האָרבן צוויי,
פונקט ווי א קעמל זעט ער אויס.

און דאָ — א בערגל אָרעם, קליין,
מיט שיטער גרעזל קוים באדעקט;
אן איינזאם ביימל שטייט אליין,
פאריתומט פעלדל געל זיך פלעקט.

אָט שטייט א בארג גאָר גרויס און שטאַרק,
באַדעקט מיט בוים פון קאָפּ ביז פוס,
ווי שווער ער הייבט זיין פעטן קאַרק,
אים קיינער גלייכט אין זיין געמוס.

און דאָ — א מאָגער גרעזל ביטערט,
איז פוסט און וויסט, פארזייט מיט שטיינער;
כמעט אָן גראָז, א ביימל ציטערט,
עס קוקט אויף אים נישט אום זיך קיינער.

און באַלד — אַ באַרג פון אַלע העכער,
האָט פּלייצעס ברייטע און אַ קאָפּ;
אַ ריז אַ שטאַרקער און אַ פרעכער,
מיט גאווה קוקט אויף אַלץ אַראָפּ.

דאָ בערגלעך הוידען זיך און וויגן
די פּיצלעך הייזלעך אויפן שוים;
דאָרט זיי צופוסנס קוסטעס ליגן,
דער וואַלד צוקאָפּנס האַלט זיך גרוים.

אַ סטעזשקע באַרג אין צווייען שניידט
און שלענגלט, דרייט זיך באַרג־אַרויף;
עס שטייען קוסטעס ביי איר זייט,
אַ הייזל אויבן שטעלט זיך אויף.

אָט ציט אַ בערגל, הייבט זיך קוים,
געשמידט צו דר'ערד אין ליבע־קייטן;
ס'איז רייך פאַרזייט זיין גאַנצער רוים
מיט גרין און גאָלד אויף פולע בייטן.

אַ בערגל דאָ, אין גאָלד אין גאַנצן,
אין העלן ליכט האָט זיך צעשטראַלט;
מיליאָנען בלומען געלע טאַנצן
ביז אָוונט־שאָטן זיי באַפאַלט.

— אַ באַרג איז דאָרט מסתּם געפאַלן
איז טאָל אַ טיפער און ניט קליין,
אַ וואַסערל דאָרט לויפט פון קוואַלן,
מיט זילבער שפּיגלט ס׳וואַסער ריין.

די בערג זיי שאָקלען מיט די קעפּ
און דיך מיט האַרציקייט באַגריסן;
אַרויף־אַראָפּ, מיט בלויע טרעפּ,
דיך אַט די קייטן בערג פאַרשליסן.

אין באָס אין די בערג

עס לויפֿט דער באָס אין שטענדיק איילן
אויף טאָל און בערג, דורך פֿעלד און וואַלד;
אַט זעסטו הימלען ווייט פֿאַר מיילן,
און אַט פֿאַרשווינדן גאָר זיי באַלד.

אַט ביסטו אויבן גאָר, גאָר הויך,
טיף אונטן זיינען ביימער־שפּיצן;
זעסט ברייטע פֿעלדער גרינען ווייך,
און אויף די פֿעלדער בערגלעך זיצן.

בערג קייקלען זיך אין טאָל דעם גרינעם,
זיי שטופּן, שטויסן איינס דעם צווייטן;
דאָרט ווייטע בערג, דורך שלייער דינעם
זעסט, האַלטן אונטער הימל ברייטן.

דאָרט, אויף דעם האָריזאָנט דעם ווייטן,
עס בלויט אַ בערגיק קייט זיך קוים;
קענסט בערג מיט וואָלקנס לייכט פֿאַרבייטן
אין ערד מיט הימלס צוזאַמען־זוים.

אין אַ כישוף־קעסטל כ׳פאָר פאַרמאַכט

אין אַ כישוף־קעסטל כ׳פאָר פאַרמאַכט,
פינצטער איז דער גאַנצענער אַרום.
ס׳קוקט מיט פייער־אייגלעך שוואַרצע נאַכט,
ווען דער וועג פאַרדרייט זיך אין דער קרום.

פאָרנט זעט זיך אַ באַלויכטן וועג,
גרוי און גרינלעך מיט אַ גלאַנץ פון שטאָל.
ביז אַן אויגן־פּאָר שווימט אויף ביים ברעג
און... עס לויכט אויף — בלינד ווערסט מיטאַמאָל.

דאָס האָט אויטאָ פון אַנטקעגן
נאָנט אַהערצו זיך באַוועגט,
און מיט פייערדיקע זעגן
פינצטערקייט פון נאַכט צעזעגט.

ערשט צעשניטן — גלייך צוריק איינס,
ווידער אַלץ אין פינצטערקייט פאַרזינקט;
נאָר באַלד ווידער פינטלט דאָרט וואָס קליינס:
אַ רויט אייגל׳ קוקט צו דיר און ווינקט.

נאַכער זעסטו הויך זיך הויבן
שדים שוואַרצע, פליגלען רויטע,
פליען אין די הויכן אויבן,
זעסט פון דר׳ערד זיי מאַכן פּליטה.

אין די וואָלקנס דאָרט פאַרשווינדן,
זעסט מער שדים ניט אַצינד;
אונטן פייערלעך זיך צינדן,
ס׳דוכט עס לעשט זיי דאָרט אַ ווינט.

מיליאָנען קליינע שטערן,
לאַבירינט מיט זיי פאַרזייט;
ס׳זעט דיין אויג עס אַזוי גערן —
פרייד פון היים אין דיר זיך שפרייט.

סעפטעמבער 1952

נעמט צו די וועגן

נעמט צו די וועגן פון די פעלדער,
און אויך די שטעגן פון די וועלדער;
לאָזט טאָלן גרינע גראָם זיך ליגן,
און בערג די הויכע הימלען וויגן.

זאָל טייכל פון די בערגיק קוואַלן
זיך מורמלען לוסטיק אין זיין פאַלן.
און אָזיערע די בערג צופוסן
זאָל ברענגען פון די בערג די גרוסן.

פאַרבויט מיט הייזער ניט די ברעגן —
דאָס וואַסער איז פאַר זייערטוועגן;
זאָל וואַסער ברעגן קושן, לעקן,
און ערד צו פרוכטבאַרקייט דערוועקן.

ווייל אַלץ, וואָס לעבט דאָ, וויל זיך ליבן,
ווייל גליק דערגרייכט דאָ הימלען זיבן,
און מענטש, וואָס דאָס ניט הערט, ניט זעט —
פאַרבלייבן זאָל אין זיינע שטעט.

די באַן

עס וויגט די באַן זיך —
איינס, צוויי, דריי,
ס׳איילט אַלצדינג גיך
און לויפט פאַרביי.

די שטאָט — אַוועק,
דער טומל ז׳אוים;
אַ גרין באַדעק,
דיך גריסט פאַרוים.

עס שפּילט דאָס גרין
מיט פאַרבן זיך;
אַ יעדער מין
דאַרט בייט זיך גיך.

אָט ווי אַ שעפּ
מיט עמער געל,
אין כּישוף־טרעפּ
צעגאָסן העל.

עס טוליעט גאָלד
צו קופּער־רויט;
ס׳האָט לאַנג געוואָלט
שוין זיין באַגלייט.

אַ גראָז געוועב
מיט אַקער־לאַנד,
צוזאַמען־לעב
זיי זאַלבענאַנד.

דאָס פלאַכלאַנד ווייט
האָט זיך צעשפּרייט
ביז יענער זייט,
ווו ס'וועלדל שטייט.

זעסט דאָרט אין ווייטן,
ווי ביימער שפּיצן
אויף וואָלקנס רייטן,
אין הימל זיצן.

און דאָ — די ערד
ווי אויפגעריסן,
ווי קאָלטן־בערד
צעקנוילט, צעריסן.

זע, ביימלעך יונג
באַהנט און שיין
אין פרייד־צעזונג
קאַקעטיש שטיי'ן.

די קעפּלעך גלייך
אין בלעטלעך גלאַנץ,
מיט פּוצונג רייך
גלייך גרייט צום טאַנץ.

אָט שפּרינגט אַ הייזל
פון דר'ערד אַרויס,
פלינק ווי אַ מייזל
געוועזן — און אויס.

דאָן הייזלעך מער
שנעל יאָגן זיך,
וווּהין־וווּ־ווער
פאַרשווינדן גיך.

אַ וואַסער ווייט
האָט זיך צעלייגט;
מיט יעדער זייט
די ערד זי זייגט.

צופרידן זאַט
דער ברעג אַרום —
מיט גראָז און בלאַט,
מיט בוים און בלום.

זעסט, הייזער־הויפן
שוין אויך פֿאַראַן,
און גלייך איר לויפֿן
האַלט איין די באַן.

זי לויפֿט ניט מער,
ניט שלינגט די וועלט;
זי אָטעמט שווער,
זיך אָפּגעשטעלט.

און זע ווי דאַן
די וועלט גאָר שטייט,
ווי נאָר די באַן
ניט מער זי גייט.

1942

איך פרעג אייך

ווער גילדט עס די שפּיצן פון ביימער?
ווער מאַכט עס די דעכער פאַר טרוימער?
וואָס לאַכן די פענצטער אין ווענט,
ווען ליכטיקער שטראַל זיי דערקענט? —
איך פרעג אייך.

וואָס איז מיט די צווייגעלעך דאָרט —
נאָר שאָקלען, נאָר שפּרינגען פון אָרט?
וואָס שושקען זיי זיך אין דער שטיל —
ווער פירט אָן די גאַנצענע שפּיל?
איך פרעג אייך.

ווער פּוצט עס די הימלישע הויכן
מיט פייערן, גאָלדענע רויכן?
די טעפּיכער רייכע געמעלן
ווער טוט עס צעלייגן, צעשטעלן? —
איך פרעג אייך.

די רייכקייט, דער כישוף אין פאַרבן,
דעם טאָג צו פאַרשיכורן ביים שטאַרבן,
פון גאָט ווערט אַליין עס געמאַכט,
דערפרייט, ווייל עס קומט אָן די נאַכט? —
איך פרעג אייך.

1953

ס׳איז אַלץ בלויז אַ צופאַל

עס זיינען די קלאַנגען די פונקען וואָס צינדן,
געדאַנקען — דער ווינט וואָס אין פלאַם זיי צעבלאָזט.
עס זיינען די ווערטער די פעדעם וואָס בינדן
דאָס בלוי פון די הימלען מיט ערד גרין באַגראָזט.

די שטילקייט פון גראָזן אויף לאָנקעס העט ווייטע,
כאָטש ס׳יאָגט זיי אַ ווינטל אין ווילדן געלויף;
דאָס סווישטשען פון צווייגן אויףביימער פאַרשייטע,
ווען שטורעם וויל גרייכן אויף הימלען ארויף.

דער פליסטער פון וואַסער וואָס שטיינדלעך ריין וואַשט,
אין איילינקן פליסן פון באַרג שפּיץ אַראָפּ;
ס׳געברום פון דעם ים ביי די ברעגן וואָס רעשט,
געפאַנגען, באַזיגט, דאָך גיט שלאַכט קיינמאָל אָפּ.

דעם נאַכטיגאַלס שירה וואָס כישופט די נאַכט שטיל,
מיט תפילה, און רחמים, און ליבע אָן ענד;
דער פלאַם־אויף פון בליץ מיט דעם דונער אין שפּיל,
באַטויבונג־צעקנאַל און אַ בלינדקייט־פאַרבלענד.

איר קלאַנגען, איר ווערטער, ס׳געוועב פון מחשבות
אויפן שפּינדל פון לעבן און צייט־ראָד־געדריי;
ס׳איז לעבן ביים גורל אַ שפּיל פאַר קאַטאָוועס —
ס׳איז אַלץ בלויז אַ צופאַל, אָט ס׳טרעפט זיך אַזוי.

די קראַעשע חתונקע

היינט דער אָוונט — ניט ווי אַלע,
ניט ווי שטענדיק איז ער היינט;
צו באַגעגנ׳ען חתן־כלה
אַלץ פאַרפוצט איז, אַלץ פאַרפיינט.

הימלען אין גאָר וווּנדער־קליידער,
גאָלד און זילבער איינגעוועבט,
און מיט וואָלקענדלעך כסדר
זונען־שטראַלן איינגעשטעפּט.

אויך מיט שלייפן, האַפט און שפּיצן
איז דאָס הימל־קלייד באַצירט,
שטראַלן־גלאַנץ און זונען־שפּריצן
טויזנט פאַרבן געקאָלירט.

אויך די קלאָרע, פרישע לופט —
לייכט מיט ווינטעלעך פאַרפוצט;
פעלדער, וועלדער — ריינסטער דופט,
בלומען — ריחות אויסגענוצט.

זע, די ערד אין שענסטע זאַכן
צו דער שמחה איז געגרייט;
הויכע בערג און טאָל דעם פלאַכן
שיין און רייך האָט זי באַקליידט.

דאָרט אין שטעטל זונען־שטראַלן
האָבן דעכער שוין באַגאָלדט;
ביימער־צווייגן, זילבער־קוואַלן,
ווענט, פאַרקאַנעס רייך באַמאָלט.

שטייט דער קלויסטער דער בעל־גאווה,
האַלט גאָר הויך זיין קאָפּ פאַרריסן;
ס׳פלאַמט זיין צלם, ברענט פון תאווה —
ער וועט היינט דאָך היפּש געניסן...

צו דער שמחה גרייט און פאַרטיק
איז די גאַנצענע נאַטור;
יום־טובדיק און גאָר גרויסאַרטיק,
וואָכעדיקייט — ניט קיין שפּור.

הינטער שטאָט, אין וועלדל דאָרט
אַ גערויש איז, אַ געלויף:
ס׳איילן געסט פון זייער אָרט,
צו דעם מאָלצייט קומען אויף.

אָנגעטאָן אין שווארצן פראַק,
קראַגן מיט אַ ווייסן באַנד;
אויסגעפּוצט מיט גאַנצן קנאַק
קומען פאַרלעך זאַלבענאַנד.

איילן יונגע פּאָר באַגריסן,
ווינטשן גליק און פרייד אַ סך,
פון דער שמחה אויך געניסן
אויף די צווייגן, אין דעם סכך.

די געזעלשאַפט האַלט זיך פריי
אַמוזירט זיך און פאַרברענגט;
ס׳האָבן יונגוואַרג דאָרט אויפסניי
קאָמפּלימענטן רייך געשענקט.

און די דאַמע שטאַרק צופרידן
מיט דעם שנאָבל צאַרט זי דרייט;
ס׳טוט איר בלוט פון תאווה זידן,
ענטפערט כלומרשט: „גייט זשע, גייט”...

אַ שפּאַציר די יוגנט מאַכט
אויף די ביימער, אויף די צווייגן,
פרייט זיך גליקלעך, שטיפט און לאַכט,
אָדער ליבנדיק זיי שווייגן.

עולם הוליעט, טאַנצט און פרייט זיך,
יובלט, זינגט און שרייט הורא;
אויף זיין לשון דאָרט, פאַרשטייט זיך,
אַלץ נאָר קראַ־קראַ... קראַ־קראַ... קראַ...

מ׳גיט די געסט איצט אָנצוהערן
פיין, און איידל, און גאַנץ קלוג;
מ׳וויל חלילה ניט פאַרווערן,
ס׳ציִיט צום קלויסטער, ס׳איז גענוג.

פון די ערטער ריִרן אַלע,
טאַקע ס׳איז שוין צייט אַ סברא,
און ס׳באַגלייטן חתן־כלה
אָ, אַ עולם קיין עין־הרע.

געסט, און פריינד, און מחותנים
פליִען ס׳פּאָרל אונטערפירן;
און אויך פרעמדע — סתם בעלנים
פריילעך, לוסטיק זיך צו שפּירן.

הויך אין הימל אויפגעהויבן,
אין איין מחנה פליִען זיי,
האַרציק זייער גאָט זיי לויבן,
זינגען תפלות אַלערליי.

ווען צום שטעטל אָנגעקומען,
פליִען צו צום קלויסטער־דאַך;
אין דער לופט אַ קראַקען, ברומען,
קינדער שרייען: „קראָעלאַך״!

הויך די קעפּלעך קינדער הייבן,
מיט די הענטלעך הימל דראָען:
„זעט, אַ זעט אין הימל אויבן
דאָרט אַ חתונקע ביי קראָען!"

זיצן קראָען אויף דעם קלויסטער,
אויף די ביימער אויך אַרום;
זייער גלח — כ'ווייס ווי הייסט ער —
פון דעם צלם דרשנט פרום:

„אונדזער גאָט איז שוואַרצע נאַכט,
און איר צלם מיר פאַרמאָגן;
אונדזער הארץ נאָך חושך גאַרט,
ווייל דאָס טאָגליכט נאָר פאַריאָגן.

זעט ווי אונדזער גאָט ער זיגט,
זעט דאָס בלוט דעם טאָגס — ווי רויט!
באַלד, אָט באַלד, איז ער דערשטיקט,
גלייך געפינט דער טאָג דעם טויט.

פינצטערקייט וועט שטענדיק זיגן,
הערשן וועט זי אויף דער וועלט;
זאָלן זיך די מענטשן קליגן,
מעכטיק בלייבט דער שוואַרצער העלד.

אונדז, אָ, שיק שוין צו די ברכה,
גרויסער גאָט דו איינער,
אין דער ערד, ווו ס'אַקערט סאָכע,
זייען זאָל מען מענטשנס ביינער.

אין דער לופט זאָל פליען קוילן
זיי די הערצער דורכצושיסן;
זייער פלייש אויף פעלדער פוילן,
זייער בלוט אין טייכן פליסן.

ס'קומט די גוטע צייט באַלד אָן,
באַגריסט זי פריילעך מיט הורא!
און דיין גאָט מיט לויב דערמאָן,
קראַ-קראַ, קראַ-קראַ, קראַ!"

קראַ-געשריי וויל אַלץ פאַרטויבן,
פליגל — בראַוואָ-פּאַטשעריי;
פון די ערטער אויפגעהויבן,
ווייטער פליען זיי אויפסניי.

זייער עלטסטער ערשטער פליט,
פירט אָן מיט דעם גאַנצן עולם;
אַלע דאַן נאָך זיינע טריט
קומען אָן צו דעם בית-עולם.

דאָרט דער גלח לאָזט זיך הערן,
אין דער לופט זיך טראָגט זיין קול:
„אונדזער גליק איז מענטשענס טרערן,
דער גן־עדן — טויטן־טאָל!

אייביק גליק דער פּאָר דער יונגער,
לעבן זאָלן חתן כלה!
היינט זאָל קיינער ווייסן הונגער,
דאָ פאַרבעטן זיינען אַלע!"

פון דער סעודה גוט געגעסן,
ס'איז אַ מאָלצייט כּדבעי,
און ס'האָט כלה מיט דעם חתן
פון אַ שאַרבן גרויס הנאה...

באַלד די נאַכט איז אָנגעקומען,
שוואַרץ און פינצטער איז די נאַכט;
און אין יראת־כּבוד ברומען
ביז דעם מאָרגן מ'האָט פאַרבראַכט...

1920

ווי שווער

ווי שווער האָט די נאַכט אויף דעם ביי זיך צעלייגט,
פון הימל און וואַסער איין פוסטקייט געמאַכט;
בלויז פייערלעך ווייזן דער ברעג ווו זיך בייגט,
דער אָפּשיין אין וואַסער מאַכט ציטערן נאַכט.

קיין שטערן, קיין וואָלקנס, קיין הימל אין גאַנצן,
קיין הייזער, קייןביימער — ניטאָ גאָר קיין ברעג;
מ׳זעט פייערלעך לעצטע אין וואַסער ווו טאַנצן,
זיך טוקן און לעשן, ס׳איז לעצטער שוין וועג.

פון ערד און פון וואַסער און הימל אַרום
די פינצטערקייט לויערט מיט שרעק און פאַרדאַכט;
דערשטיקט צווישן פינגער, באַוווסטלאָז און שטום
די וועלט ליגט פאַרלאָשן אין אייביקער נאַכט.

אײַזערנע בריקן

אײַזערנע בריקן אויף װאַסער פֿאַרצויגן,
פֿון שטאָל און פֿון אײַזן געגאָסן, געבויגן;
ס׳האָט אַרבעט און מי פֿון אַ מענטשלעכער האַנט
מיט שׂכל און כּוח צו דינסט אײַך געשפּאַנט.

ס׳האָט מחיצה פֿון װאַסער צו גאָרנישט געמאַכט,
פֿון טאָלן און בערגלעך זיך גאָר אויסגעלאַכט;
מיט אײַזערנע שטאַבעס און דראָטענע שטריק
די ברעגן פֿאַרבינדט די מעטאַלענער בריק.

איבערגעשפּרונגען דעם תּהום אין דער ברייט —
און קלוג אויף קאָלאָנעס די בויגנס געשפּרייט;
ס׳האָט מענטשלעכע האַנט אַלץ געבויגן, געפֿלאָכטן —
די האַנט האָט קאָלטבלוטיק אַזוי אויך געשאָכטן?...

עס הענגען די לייטערס און לעקעכס פֿון אײַזן,
די אײנע װי צװייטע גאָר פּינקטלעך, אָן גרײַזן;
דער קאָפּ װאָס האָט אַלץ אַזוי קלוג דאָס פֿאַרטראַכט,
האָט אויך פֿון דער װעלט אַזאַ יאַטקע געמאַכט?...

אַ פֿויגל איז אונטן אויפֿן װאַסער געשװוּמען,
זײַן קאָפּ אויפֿגעהויבן, די פֿליגלען צענומען,
הויך איבער די בריקן פֿלי־קרײַזן געמאַכט —
דעם מענטש און זײַן חכמה גאַנץ פֿײַן אויסגעלאַכט...

פאר אונדזער פרייהייט

דער אויפרייס אויף בן־יהודה־גאַס

מיט לויטערקייט האָבן די הימלען געבלויט,
אַ ריינקייט פון גלויבן אין מלאכ׳שע אויגן;
ס׳האָט פעלד און דער גאָרטן אין ברכה געטויט,
דער בוים און דער פלאַנץ האָבן טראָפּנס געזויגן.

דער מאָרגן אַ פרישער, ווי אַ נייגעבאָרן קינד,
האָט ליכטיק און קלאָר אין דער וועלט זיך געקוקט;
עס שלאָפט נאָך די שטאָט מיט איר טומל און זינד,
אין הייזער צווישן ווענט און דעכער פאַררוקט.

די שטאָט ירושלים, מיט געסלעך און גאַסן,
ליגט ברייט אַ צעשפּרייטע אויף באַרג און אויף טאָל;
האָט מענטשהייט צו ליבן געלערנט, ניט האַסן,
אין טעג פון איר הערלעכן, גרויסן אַמאָל.

ס׳איז יונג נאָך דער מאָרגן, די שעה איז נאָך פרי,
עס וועקט זיך פון שלאָף נאָך דער טאָג דער גאָר נייער;
נאָר מערדער איז וואָך שוין — אַ צינד און אַ גלי,
און ס׳דונערט אַן אויפרייס אין העלישן פייער.

רויט־פייער מיט קנוילן פון שוואַרץ־רויך זיך מישט,
צום הימל זיך רייסט אין אַ דונער־צעקנאַל;
אַ רויטלעכע פינצטערקייט אַלץ האָט פאַרווישט,
אין בראַך און צעשטויב פון די הייזער־צעפאַל.

ווען ס'שטילט זיך שוין אין פונעם אויפרייס דאָס קנאַלן,
ס'צעבריאַזג פון צעבראָכענע שויבן,
אין פּיץ־פּיצלעך צעדרוזג פון דעם פאַלן —
דאַן שוידערט געשריי צום באַטויבן.

די קולות פון פרויען, ווי שפּיזן זיי שטעכן,
די מענער טיף רעוּוען אין ביטערן קלאָגן;
די קינדערשע שטימען אין וויינען זיך ברעכן,
פון אַלטע די קרעכצן פאַרשטיקטע זיך טראָגן.

ס'צעיאָגן די קולות די שטויביקע קנוילן,
אַלץ דינער זיי ווערן, אַלץ העלער, דורכזיכטיק;
עס ווייזט זיך דעם אומגליקס דערשרעקנדע גרוילן,
ווען פייערן־צונגען צעברענען זיך ליכטיק.

די מויערן הויכע אין חורבות זיי ליגן,
נאָר שטיינער און ציגל פאַרבליבן פון זיי;
עס שטאַרצן, ווי ביינער, צעבראָכענע שטיגן,
מיט אייזערנע שטאַבעס אין פלאָנטער־צעדריי.

אַט שטייט דאָרט אַ מויער — ווענט האָט ער נאָר דריי,
אויף שטיקער צעשאָטן אויף דר'ערד ליגט די פערטע;
ווי אויפגעשניטענער בויך, זעט אוים זיין געביי,
מיט חרובע צימערן און מעבל צעשטערטע.

פון מויער אַ צווייטן איז האַלב דאָרט אַראָפּ,
עס הענגען באַלקאָנען ווי שמאַטעס צעדרייטע;
עס דוכט, אַז אַ ריז מיט אַ גוף אָן אַ קאָפּ,
אין חורבות און ברוך דאָרט פאַרעקשנט ער שטייט.

אָן דעכער, ווי ווילד, מיט צעשויבערטע קעפּ,
עס ציען זיך הייזער די חורבות אַרום;
עס פעלן די טירן, צעבראָכן די טרעפּ,
די אויסגעזעצטע פענצטער זיי טרויערן שטום.

נאָר צווישן יללות און קינדער-געוויין,
זיך הערן די טריט פון אָן אייליקן לויפן;
אין נאַכט-קליידער מענטשן צעטומלטע שטיין,
אויך קריכן אויף ציגל פאַרשאָטענע, הויפן.

עס קלעטערט אַ מענטש דורך צעבראָכענעם פענצטער,
רופט הויך און שרייט אויס: „איז נאָך ווער דאָרט פאַרבליבן"?
צעשויבערט, צעפּאַטלט, זעט אויס ווי געשפּענסטער,
דערשראָקן ער זוכט אַ גאָר נאָנטן, אַ ליבן.

עס קומען באַלד מענטשן אַ סך אָן צו לויפן,
אין חורבות זיי אייליק דאָרט נישטערן, זוכן;
אין הייזער זיי קריכן, אין קעלערס, אין הויפן,
דעם שונא, דעם מערדער זיי שילטן, זיי פלוכן.

מען טראָגט דאָרט קרבנות מיט גלידער צעריסן,
פאַרוווּנדעטע פירט מען פון הייזער אַרויס;
פון ווונדן אָן אויפהער דאָס בלוט טוט זיך גיסן,
און לעבנס אין פּיין און אין לייד גייען אויס.

דער רויטער „מגן דוד" קומט באַלד אָן צופליען,
דאָקטוירים און שוועסטער צו רעטונג גלייך גרייט;
זיי אַרבעטן טיכטיק, צו העלפן זיך מיען,
זיי ראַטעווען לעבנס פון נעגל פון טויט.

„הגנה" העלפט אויך דאָרט מיט הונדערטער הענט,
זיי גראָבן אין חורבות — צי ווער נאָך ביים לעבן? —
זיי ראַטעווען ווערטן פון ווערן פאַרברענט
און אומעטום הילף זיינען גרייט זיי צו געבן.

פאַרוווּנדעטע — אויטאָס אין האָספּיטאַלס פירן,
דאָס מעבל און זאַכן אויף טראָקס ווערט געלאָדן;
בולדאָזערס דאָרט האַמעטנע לאַנגזאַם זיך רירן,
און שטעלן זיך אָפּ ווו אַמערסטן דער שאָדן.

מעטאַלענע לאַפּעס זיי גראָבן אין ברוך —
צי אונטער די שטיינער דאָרט מענטשן באַגראָבן?
מיט אייזערנע פינגער אין רעטונג־פאַרזוך —
קרבנות דאָרט אפשר נאָך לעבן זיי האָבן?

אויף צענדליקער יונגען, מיט אייזן און פיק,
זיי פלייסיק די גרודעס צעשאַרן צענעמען;
מלבושים און פנים מיט שטויב פאַרדעקט דיק,
זיי זוכן נאָך אפשר צו ראַטעווען וועמען?

דערנעבן נאָך בחורים שטייען דאָרט גרייט,
פון אַרבעט שוין מידע — זיי גלייך צו פאַרבייטן;
ווייל ס'רוט ניט אַ פיק און ברעך־אייזן ניט שטייט,
פאַרשאָטענע מעגלעך נאָך גרייכן באַצייטן.

דאָרט ווערן צענומען צעפאַלענע ווענט,
פון מעבל די שטיקער, צעבראָכענע בעטן;
עס סטאַרטשעט אַרויס דאָרט אַ פּאָר ווייסע הענט...
דעם קרבן — פון טויט וועט שוין קיינער ניט רעטן.

מען נעמט אַוועק אייליק דאָס ברוכוואַרג אַרום,
דעם קדוש דאָך קיינער ניט שעדיקן וויל;
ס'רעדט טרויער אויף ליפּן פאַרשטשעמעטע שטום,
אין הערצער רחמנות וויינט אוים זיך גאָר שטיל.

ווען קערפּער באַפרייט ווערט פון ציגל און שטיינער,
דעם הרוג אויף טראַג־בעטל נעמט מען דאַן צו;
צו שורות פון טויטע קומט צו שוין נאָך איינער —
וווּ צענדליקע ליגן אין אייביקער רו.

אין ערטער אַ סך פון דער גאַס בן־יהודה,
פון פריען באַגינען ביז שפּעטן פאַרנאַכט,
באַזוכט ווערט די חורבה, דאָס בערגל, די גרודע —
דער שניט און די פרוכט פון דער פינצטערער מאַכט.

אין קרייזלעך — די מענטשן, די חורבות אַרום,
אבלים אויף קברים, די קעפּ טיף געבויגן,
פאַרשטיינערט פון אומגליק זיי שטייען דאָרט שטום,
עם גליווערן טרערן אין וויינענדע אויגן.

אין איין אָרט די מענטשן זיי קומען אַלץ צו,
דאָרט וווּ די בולדאָזערס נאָך אַרבעטן, גראָבן;
דאָס דרילן פון מאָטאָרס הויך עגבערט די רו,
דאָרט פרישע קרבנות געפונען זיי האָבן.

אַ סך האָבן דאָ זייער קבר געפונען,
סיי אַלטע, סיי יונגע — אַלע צוזאַמען;
פון חרובן בנין איז קיינער אַנטרונען,
ס'איז גרוויליק דער טויט פון דעם קינד מיט דער מאַמען.

פאַרשאָטן אין באַרג פון די ציגל און שטיין,
וואָס הייבט זיך כמעט ביז עטאַזש אויף דעם דריטן,
אַ ווינקל פון צוויי ווענט דאָרט טאָרטשעט אַליין,
די דריטע שפּאַרט אָן זיך אָן זיי אין דער מיטן.

ווען אָפּגעראַמט האָט מען די דריטע פּון ברוך,
צוויי ווענט האָבן איינזאַם פיר שטאָק זיך געהויכט;
און ס'דוכט זיך: אַן אָפן גיגאַנטישער בוך
אין שטראַלן פון זון זיך דאָרט גאָלדיק ער בלייכט.

דערשטוינטע די מענטשן זיי קוקן פאַרגאַפט,
זיי קוקן אויף בוך פון צעעפענטע ווענט;
וואָס זעען זיי דאָרטן? צי האָט עס אַ האַפט?
וואָס האָבן זיי ווירקלעך דערזען דאָרט, דערקענט?

הויך דאָרט, צווישן ווענט, ביים עטאַזש נאָנט צום דריטן,
אַ שטיק פון פאַדלאָגע, אַ צימער דאָרט איז;
אין וואַנט אַנשטאָט פענצטער — אַ לאָך נאָר אין מיטן,
אַ ראַם און אַ שויב און אויך אַ קאַרניז.

מען האָט אויפן דיל דאָרט צעוואָרפן דערקענט
אַ קינדערשע בעטל, אַ קינדס שטולכל און...
אַ מאַמע דאָרט זיצט מיט אַ קינד אויף די הענט —
איר ברוסט האַלב אַנטבלויזט איז, דאָס קינד זייגט דערפון.

פאַרגאַפט און פאַרשטיינערט איז מאַמע געשטאַנען
אין אַנזיכט פון טויט, אַזאַ רשעות און זינד;
עס זיינען צומאָל גאָר קיין ווערטער פאַראַנען
פאַר מאַמען, וואָס זויגט נאָכן טויט אַן איר קינד.

אין נאַכטהעמד דאָרט זיצט זי, אויף רעכטס בויגט איר קאָפּ,
זי האַלט פעסט דאָס קינד צו מיט איר לינקער האַנט;
פון אַקסלען פריי פאַלן די לאָקן אַראָפּ
עס שאָטנט גראָטעסק זיך דאָס בילד אויף דער וואַנט.

איר קערפּער אַהינטער, צוריקוועגס אַ ביסל,
די רעכטע האַנט מאַכטלאָז פון שטול-הענטל פאַלט;
פון שוים צווישן פאַלדן אַרויסשטעקט קינדס פיסל,
זיין קעפּל צום ברוסט דריקט, דעם נאַפּל שטייף האַלט.

פאַריבער דער טאָג איז, זיין צייט גייט שוין אויס,
עס כישופן הימלס קאָלירן אין רויט;
פאַרקוילטע רואינען גראָטעסק שטאַרצן אויס,
מיט פאַרעם און אויסזען — מצבות דעם טויט...

אין חרובע גאַסן מיט ברוכווארג באַדעקטע
גליט ציגל און שטיין אין פאַרגייענדער זון;
מזבחות צו געטער מיט בלוט נאָך באַפלעקטע,
צו גוואַלדטאַט-קרבנות פון מערדער גאָר פרום.

צעבראָכענע ווענט פון די הייזער צעשטערטע,
פאַנטאַסטיש זיך מאָלן אויף הימלישן רויט;
פאַרקוילטע בנינים, פון פייער פאַרצערטע,
דערציילן פון אומקום, פאַרניכטונג און טויט.

די לעבער אין װענט װי מיט מײלער פאַרקרימטע,
מיט אײזנס באַשײנטע זײ שטשירען מיט צײן ;
מיט צינגער צעריסן, אין שרײען פאַרשטומטע,
עס גליװערט אין בלוט דאָס דערשטיקטע געװײן.

צעבראָכענע פענצטער, מיט שױבן צעזעצטע,
איצט גלאָצן אומהײמלעך־קאַסאָקע מיט בליקן ;
זײ כאַפּן פון זון אױף די שטראַלן די לעצטע
און צװישן די פינצטערע װענט זײ דערשטיקן.

די צײט איז דערװײלע איר װעג זיך געגאַנגען,
אין חורבן־קאָשמאַר איז דער טאָג שױן פאַרבײ ;
מיט טרױער זיך טראָגן הערסט דודס געזאַנגען,
די יוגנט די טרײַע לאָדט ביקסן מיט בלײ.

אַ חלוצה

פון גוטער היים און זאַטן טיש
ביסט דו צו אונדז געקומען.
אַ בענקשאַפט מיט אַ פרייד־געמיש
אין דיין פאַרטראַכטן שטומען.

ביים לאַנגן טיש, אויף עק פון באַנק,
ביסט לעצטע דאָרט געזעסן.
באַשייד געזוכט האָט ניי געדאַנק
דאָס אַלטס געוואָלט פאַרגעסן.

אין אויגן, שוואַרצע ווי די נאַכט,
האָט אומרו זיך אין זיי געצונדן;
באַשלאָסן האָסט — איז ניט געטראַכט,
מיט גאולה האָסט דו זיך פאַרבונדן.

אַ חבר רעדט, דו הערסט זיך איין,
אַ צווייטער פרעגט, עס ענטפערט ווער;
ס׳איז יעדער שטאָלץ אַ ייד צו זיין,
חלוצים־וועג אין פרייד ניט שווער.

פאַר דיר דיין פנים האָט גערעדט
אין גלויבן ליכטיק און צעהעלט;
„די גאולה קומט, זי קומען וועט״ —
דיין בליק גערעדט האָט צו דער וועלט.

מערץ 1954

עם ישראל חי

עם גייען ווידער צו דער תליה
די ברידער אונדזערע די בעסטע,
פאַר פאָלקס באַפרייונג און זיין תחיה
זיי ברענגען די קרבנות גרעסטע.

דאָס לעבן פרייוויליק זיי גיבן
אין קאַמף פאַר פרייהייט פון דעם ייד,
און אין דעם שווערן וועג דעם טריבן
מאַרשירן דרייסט זיי מיט אַ ליד.

דאָס בלוט איז אייל פון חנוכה-נס,
דער גוף — דער ברענענדיקער קנויט;
נשמה — פלאַם פון ניט-פאַרלעש
פון זעקס מיליאָן געכפּלט טויט.

די העלדן אונדזערע אַזוינע
אין קאַמף מיט וואָפן אין די שטאַרקע הענט,
זיי גיבן וואָרענונג דעם שונא:
— אַט ווי דער סנה מיר ווערן ניט פאַרברענט.

ס׳וועט וויסן באַלד דער ענגליש היטער,
דער שנאה-זייער, פאַלשער ריטער,
ס׳וועט באַלד זיין הערשאַפט זיין פאַרביי —
ועם ישראל חי!

דוב גרונער

עס טײלן די װענט אָפּ די גרויע
פֿון הײם און פֿון לאַנד און פֿון פֿרײַנד,
פֿון גרינערד און הימלען גאָר בלויע,
פֿון נעכטן דעם שײנעם און טריבן הײַנט.

אַ קלײנינקער פֿענצטער אין װאַנט
מיט זונען־ליכט קאַרגט, אויך מיט לופֿט;
װי מיט אַ פֿאַרכישופֿטער האַנט
עס צוױבערט, צו פֿרײַהײט עס רופֿט.

אַנטקעגן, אויף בענקל דעם הארטן,
באַװעגלאָז, דעם קאָפּ הויך פֿאַרריסן —
דוב זיצט דאָרט פֿאַרגליװערט אין װאַרטן,
פֿאַרטראַכט אין אַ חלום אַ זיסן.

די שטראַלן פֿון זון װי פּראָזשעקטאָר־ליכט,
זיך גיסן אַרײַן דורך דעם פֿענצטער־לאָך,
זײ קושן אויס זײַן צעקאַליעטשעט געזיכט
און װאַרעמען און הײלן זײַן בראָך.

זיין פּנים באַלויכטן איז העל,
אַ קרוין אויף פאַרחלומטן קאָפּ,
ווי ס'וואָלט פון די הימלען אין צעל
אַ געטלעכקייט געגידערט אַראָפּ.

דוב חלומט געדאַנקען זיך אויס,
געדאַנקען די ווערטער זיי שאַפן;
דאַן זאָגט ער מיט שטאָלץ זיי אַרויס:
„ניט לעבן — איז בעסער ווי שקלאַפן".

אין אונדזער לאַנד איז אונדזער גאולה

די נאַכט ווי שוואַרץ, ווי לאַנג —
ניט אייביק וועט זי זיין;
ס'שאַפט פינצטערניש דעם דראַנג
צו ליכט, צו זונען־שיין.

ס'איז רויט דער מאָרגנשטראַל,
דורך נאַכט מיט בלוט באַשמירט,
טראָגט ליכט פון זונען־קוואַל,
זיין וועג צו לעבן פירט.

פון מזרח־שטראַל ער קומט,
מיין היימלאַנד איז דאָך דאָרט.
דערפאַר אין ווי פאַרשטומט
איך וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט.

וואָס ברענגסט דו שטראַל, וואָס זאָגסט?
מיט וועמענס בלוט ביסט רויט?
דו וועמענס ליידן טראָגסט?
ווער איז געפאַלן טויט?

דאָס האָט אים דאָרט „דער פרעמדער היטער"
געהיט, באַשיצט דאָרט אַזוי טריי;
געמאַכט זיין לעבן שווער און ביטער,
פאַרענדיקט מיט אַ קויל פון בליי.

איז קעמפערס בלוט דאָס אויף די וועגן,
ווען מינעם האָבן אויסגעלייגט,
כדי האַלטן פריי דעם וואַסערס ברעגן —
אין זייער בלוט ביסט דו געווייקט?

ווען זיי ביי שטורמען ענגלאַנדס תפיסות,
ווי העלדן זיינען זיי געפאַלן —
געקושט ביי זייער לעבנס גסיסות
האָט איר זיי דאַן, איר זונען־שטראַלן?

צי איז עס בלוט פון טרייען ברודער
דאָרט אויף אַ שיף נאָך וויט פון לאַנד,
ווען אויף זיין פּאָסטן ביי דעם רודער
זיין קאָפּ געשפּאָלטן שונאס האַנט?

צי פון אַ קעמפער נאָך ביים לעבן
חדשים־לאַנג אין פּיין, וואָס בלוטיקט,
פאַרהאַקט אין שטייג, טויט וויטער שטרעבן,
און איר האָט אים דאָס דאַן געמוטיקט?

צי ווען אין וואָגלען לאַנגע וואָכן
אויף „יציאת ניינצן פערציק זיבן",
איר זייער צער האָט דאַן געבראָכן
און זיי געטרייסט אין מזל טריבן?

צי ווען דער תליון שטריק פאַרציט
און ברודערס קאָפּ אַרונטער פאַלט;
מיט שכינה נשמה זיינע גליט,
איר האָט זיין האַרץ אין זון צעשטראַלט?

זיין צער אין הימלען גלייך געטראָגן,
פון גאָט אַ תשובה אים געבראַכט:
„ויהי אור״ — עס זאָל שוין טאָגן,
בנשיקה זיינע אויגן צוגעמאַכט.

אָ, קומט איר שטראַלן פון דעם מזרח־לאַנד,
אין יידיש בלוט באַשמירט איר זייט,
דערציילט פון העלדן אונדזערע אין לאַנד,
טראָגט בשורה הויך: „איר זייט באַפרייט״.

עס לויטערן זיך הימלס ווייטן,
ס׳וועט שיינען באַלד די זון אַ פולע;
שוין קומען אָן די נייע צייטן,
אין אונדזער לאַנד איז אונדזער גאולה.

בייג דיין קאָפּ אין טיפן טרויער

קום, בייג דיין קאָפּ אין טיפן טרויער,
ביים איין דיין ליפּ ביז ס׳בלוטיקט רויט;
געפאַלן זיינען העלדן-בויער,
פון תליה ענגלישער געטויט.

נקמה, שטשירע מיט די ציינער,
און זאָל דיין צונג אַ קללה שיקן,
פאַר זייער האַנדלונג דער געמיינער —
דיין זון דעם בעסטן צו דערשטיקן.

שלינג איין דעם סם פון דיינע ליפּן,
געפין אין אים אַלע טעמים;
זאָל דיינע בלוטן ס׳גיפט דורכזיפּן
און אין אַ פייער זיי צעפלאַמען.

עס זאָל דיין האַרץ מיט שנאה ברענען,
מיט פייער צינדן דיין נשמה,
כדי אויך דו זאָלסט קעמפן קענען —
פאַר דיינע העלדן נעם נקמה.

זע שטענדיק זיי פאַר דיינע אויגן,
דו הער זיך צו צום פרייהייטס-רוף
און טו ווי זיי דיין קאָפּ ניט בייגן —
פאַר פאָלק און לאַנד צום קאַמף גיי אויף.

דו שמיד דיין גוף ווי הייסן אייזן,
צי אָן די נערוון האַרט ווי שטאָל,
און זאָלסט דער וועלט דיין גבורה ווייזן,
ווי פאָלק באַפרייט זיך מיט אַ מאָל.

אַ מאָרגן אין געטאָ

ס'איז צעבלוטיקט היינט דער מאָרגן,
וואָלקנס דורכגעווייקט אין רויט;
פול דאָס געטאָ איז מיט זאָרגן
און מיט שרעק פאַר טייוול-טויט.

יעדעס געסל, יעדעס שטיבל,
אַלע הויפן און קאַנורעס,
יעדער בוידעם, יעדעס גריבל —
אָנגעשטאָפּט מיט בלייכע צורות.

אונטער דילן גריבער גאַלע,
אָן אַ זון, אָן לופט און ליכט;
צווישן ווענט, אין שפּאַלטן שמאָלע,
יידן אָנגעפּאַקט געדיכט.

צווישן סטעליעס, דעכער-שפּאַלטן,
שטאַלן, אָפּטריטן אין הויף,
ליגן זיי אין שרעק באַהאַלטן
אין דעם לעצטן רעטונגס-לויף.

ס'איז פאַרשאָלטן יעדער טאָג,
ווייל ער מסרט ווו די לעבער;
און די זון איז גאָר אַ פּלאָג,
ווייל זי שרפהט אונטער דעכער.

ווען עס ליכטיקט זיך דער הימל
אין געבורט פון טאָג אַ נייעם,
דאַן פון שמוץ, פון עיפּוש-שימל,
מענטשן-שטימען רופן, שרייען:

„מוחל, מוחל דיר דאָרט אויבן,
מ׳דאַרף דיין ליכטיקייט ניט האָבן,
און דיין נאָמען זאָלן לויבן
ווילדע הינט און שוואַרצע ראָבן.

זייער יום-טוב איז דאָך היינט,
מענטשן-פּגרים איז לרוב,
זאָלן זיי, די מענטשן-פיינט
זינגען דיר „כי טוב״.

אין שעהן פון בין־השמשות

אין שעהן פון בין־השמשות,
ביים צונויפגיים פון טאָג מיט נאַכט,
געדאַנקען און האַרבע קשיות
זיי פייניקן דאַן מיין פאַרטראַכט:

וואָס זיינען די סיבות און טעמים
פון הימלען אין בלוטיקן רויט?
פאַרוואָס איז דער מערב אין פלאַמען,
אין פאַרבן פון פייער און טויט?

פאַרוואָס ווי אַ שלאַכטפעלד דער הימל,
מיט שטרעקעס אין פייער פאַרברענט,
פול חללים אין אייביקן דרימל
מיט וואָפן אין טויטע שוין הענט?

וואָס ברענען דאָרט תבואות אויף פעלדער
אין טייכן פון פייער־צעגים;
וואָס שטיקן אין רויך זיך די וועלדער
מיט שטאָמען — פאַרסמאַליעטע פים?

פאַרוואָס ליגט דאָרט חרוב אַ שטאָט
מיט גאַסן פול הייזער־סקעלעטן,
נאָר קוימענס פאַר עדות עס האָט
דער יושר פון די באַיאָנעטן?...

פאַרוואָס האַרט בײַם שטאָט, דאָרט דאַגעבן,
עס גליען די שייטערס מיט גופן
פון קינדער פאַרברענטע בײַם לעבן
ווען ליפּעלעך „מאַמע" נאָך רופן?

וואָס ציען ווײַט-ווײַט זיך אַוועק
די פעלדער מיט פגרים פאַרזייטע,
און ס'נעמט גאָר קיין סוף און קיין עק
צו הימלען פון פייערן רויטע?

יאָ, אַלץ וואָס געווען, איז מער ניט פאַראַן
און זון ווי געשוואָלן, פייערדיק רויט —
זי זינקט און פאַרשווינדט אין אָקעאַן:
ס'איז „תהו ובוהו" — די ערשאַפט פון טויט...

צוויי מאַמעס

איך האָב אַליין געזען דאָן זיי,
געזען אַליין די מאַמעס צוויי,
אין יענעם טאָג, אין יענער שעה,
אין יענער שעה אי דאָרט, אי דאָ.

די יענע דאָרט — זי זיצט פאַרטראַכט,
זי זיצט פאַרטראַכט, אין זיך פאַרמאַכט,
עס וויינט דאָס האַרץ, עס רינט די טרער,
זי וועט איר זון ניט זען שוין מער.

איר זון — אַ יינגל, גאָר אַ קינד,
אַ קינד... אָט זעט זי אים אַצינד:
דער ערשטער טראָט... דאָס ערשטע וואָרט...
דער לעצטער בריוו... פון שלאַכטפעלד דאָרט...

און שאַ און שטיל, און פוסט אַזוי...
און פוסט אין האַרץ, ס׳צערייסט דער ווי.
און טרער נאָך טרער צעבלוטיקט רויט —
צום זון זי גייט, זי גייט צום טויט...

די צווייטע מאַמע כ׳זע — אַליין,
איך זע אַליין ביים פענצטער שטיין,
איר זונס אַ בילד זי האַלט אין האַנט,
זיין בילד איר בליק עס האַלט געשפּאַנט.

איר אויג מיט אומעט שטיל עס גלעט,
איר אויג אַ תּפילה שטיל עס בעט:
„אָ גאָט! מיין זון באַשיץ, פאַרהיט
פון מעסער־שאַרף, פון קויל וואָס פליט...״

עס קוקט דאָס אויג, נאָר זעט ניט מער;
אויג זעט ניט מער — פאַרשטעלט פון טרער.
זי דריקט דאָס בילד צו האַרץ פול גליק,
פול גליק: איר זון קומט באַלד צוריק...

געזען האָב איך די מאַמעס צוויי,
די דאָ אין פרייד, די דאָרט אין וויי.
אין יענעם טאָג, אין יענער שעה,
אין יענער שעה אי דאָרט, אי דאָ...

קאָרעאַ־וואָפנשטילשטאַנד, אויגוסט 1953

ס'איז יעדער אַ מענטש

געווידמעט דער ברודערשאַפט־וואָך

ס'איז יעדער אַ מענטש אויך ווי דו —
מיט גוף און מיט לייב און נשמה.
זיין קערפּער מוז אויך האָבן רו,
עס בענקט אויך זיין גייסט נאָך נחמה.

טאָ שפּאָן ניט דעם מענטשן דו איין,
מיט טאַטן, מיט ווערטער, מיט בליק.
זאָל שטענדיק זיין ווילן פריי זיין,
אין וועג צו זיין אייגענעם גליק.

די וועלט איז פאַר יעדן באַשאַפן,
די זון שיינט פאַר אַלעמען גלייך.
ס'וועט פריי דאָן די וועלט זיין אָן שקלאַפן,
אָן קנאה פון אָרעם צו רייך.

ניט גלויבן, ניט שפּראַך און ניט ראַסע,
ניט פאַרב און קאָליר פון דער הויט —
איין פריידיקע מענטשלעכע מאַסע
מיט גליק פון דער פרייהייט באַטויט.

אין שטעט און אויף פעלדער אין גרין
דער מענטש דער באַפרייטער מאַרשירט.
מיט חכמה, מיט גלויבן און זין
אַ גליקלעכן לעבן ער פירט.

1953

אייביק פאַר פרייהייט וועט אָנגיין די שלאַכט

אין שטראַלן פון זון דער געוואַשענער זאַמד
זיך ליכטיקט און שפּיגלט אין שיין פון בריליאַנטן;
ער טונקלט, באַנעצטער פון וואַסער ביים ראַנד,
אין ברעגן האַלט מעכטיקן ים אַ געשפּאַנטן.

דאָס וואַסער געפּאַנגען עס רייסט זיך צו פרייהייט
און וואַרפט זיך אין כוואַליעס צום זאַמדיקן ברעג.
מיט שוים אויף די ליפּן, זיך שווערנדיק טרייהייט,
עס קעמפט אומדערמידלעך דורך נעכט און דורך טעג.

פון ווייטקייטן טיפע די כוואַליעס זיך איילן,
אין קעמפענדע רייען צוזאַמען זיך שליסן;
לענג-אויס ביי דעם ברעג אויף אומציילעכע מיילן
דעם זאַמד און דעם שטיין זיי מיט וואַסער באַגיסן.

די ברעגן, די נאַסע, ביז טונקלען די פאַרבן,
צעשלאָגן די כוואַליעס מיט האַרטקייט פון ערד;
אויף פיצלעך צעשמעטערט זיי גוססן, שטאַרבן,
זיי באַהאַלטן קברנים מיט ווייס-גרויע בערד.

געפאַלענע כוואַליעס פאַרבייטן באַלד נייע,
ס'קעמפט ווייטער דאָס וואַסער מיט ערדישער מאַכט;
עס בלייבן נאָך קעמפער פאַר פרייהייט גאַר טרייע,
און אייביק פאַר פרייהייט וועט אָנגיין די שלאַכט.

בילדער פון זכרון

מיט זיך אַליין

(אייל, 34 x 24)

פריסטע בילדער פון מיין מאַמען

פריסטע בילדער פון מיין מאַמען,
וואָס אין דמיון איך פאַרמאָג;
פון מיין קינדהייט זיי נאָך שטאַמען — — — —
שפּעטע שעהן אין אַ טאָג.

זי האָט ס׳קינד שוין אָנגעזויגן,
און אין וויגל אים געלייגט;
פענצטערס פאָרהאַנג — האַלב פאַרצויגן,
איבער וויגל זי זיך בייגט.

דורך דעם צימערס איינציק פענצטער
ליכטיק שפּיגלט שכנס וואַנט;
„שלאָף שוין, קינד מיינס, מלאך שענסטער",
צאַרט פאַרדעקט אים מאַמעס האַנט.

אויגן בלויע — צוויי סאַפּירן,
מאַכן לאַנגזאַם קוים זיך צו;
ס׳זאָגט צו מאַמע דעם זון אירן
צאַצקעס ברענגען פון ווייט ווו.

אויף קינדס פּנים שפּילט אַ שמייכל,
רו און גוטסקייט פריידיק גליקט,
ס׳שטייט צעעפנט הימלס היכל,
דאָרט זיין מאַמע שטיל אים וויגט.

הערט ער, פילט ער קלאַנגען, טענער.
יעדע צאַצקע שוין דאָרט זינגט;
נאָר פון אַלע בעסער, שענער
מאַמעס שטימע זיס זי קלינגט.

„נומה פרח, בני מחמדי״ —
פילט, כאָטש ווייסט ניט, דעם באַדייט;
ס'איז זיין מאַמע דאָך אוודאי
דאָ אין וויגל, זייט ביי זייט.

מיין מאַמע

שפּעטע שעהן אין דער נאַכט,
ס'שלאָפן אַלע שוין געשמאַק.
מאַמע נאָר אַליין נאָך וואַכט,
זייגער קלאַפּט אוים טאַק, טיק, טאַק.

שטאַרק דער פראָסט, און טיף דער שניי,
שווער צו פאָרן מיט אַ שפּאַן.
זיץ אין שטוב, ניט פאָר, ניט גיי,
שפּעט וועט קומען היינט די באַן.

מיט חיונה העלפן טאָטן
האָסט אַליין זיך איינגעשפּאַנט.
קליידן, שוכן, טיש אַ זאַטן —
איצט ביים אויוון שטייסט, ביים וואַנט.

ס'איז חצות שוין לאַנג געווען,
קאָנסט מער אויגן האַלטן אָפן.
ניין, אַ גאַסט נאָך קומען קען,
ווילסט ניט אויפגעבן דיין האָפן.

שטייסט ביים אייזעלע קאַכליאַווע,
אָנגעשפּאַרט אויף פּלייצע, הענט,
טראַכסט אריין זיך אין דיין עבר,
האָסט געלערנט, האָסט געקענט.

אָ, האָסט דו געקענט אַ סך,
גוט פאַרשטאַנען וואָס דו טוסט.
פלעגסט אונדז העלפן מיט תנ"ך,
אַלץ אויף אויסווייניק געוווּסט.

ס'וואַרעמט אייוועלע דיין פּלייצע,
שלאָף מאַכט אויגן דיינע צו:
אויסגעמאַטערט, נאָר איין עצה
— גיי שוין שלאָפן, נעם זיך רו.

שטיל אין לאַנגן קאָרידאָר,
ס'וואַרמען אייוועלעך די דריי;
ס'הערט זיך זייגערס „טיק-טאַק" נאָר,
ס'גייט די צייט פון נאַכט פאַרביי.

שפּעטע שעה, שוין צוויי ביינאַכט,
שטייענדיק די מאַמע שלאָפט.
זעט אין שלאָף: טיר אויפגעמאַכט,
גאַסט קומט אָן — איר דוכט זיך אָפט.

כאַפּט זיך אויף, אַרום זיך קוקט,
„ס'האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט?" —
ס'פאַלט דער קאָפּ, צום קערפּער בוקט,
— כ'קאָן שלאָפן גיין, שוין שפּעט ביינאַכט.

— — — — — — — — — — — — .

ס'וואַקלען פיס, זי גייט שוין שלאָפן.

פעברואַר 1960

כ׳וועל שטענדיק געדענקען

אַ פּנים צום וואַנט, און צוויי הענט דורך אַ טלית,
אַ ניגון אַ שטילער וויינט אויס זיך אין תּפילה;
איך זע אַלץ, זע גאָרניט, ווייס גאָרניט — ווייס אַלעס,
כ׳וועל איינס מיט מיין טאַטן אין ווינטשן גאָר שטילע.

די שטילע געדאַנקען וואָס ס׳זיפצט אויס מיין טאַטע,
ווי טויבן ווי ווייסע זיי פליען אַרום,
און פליען אַרויס, ווי שאָטנס בלוי-מאַטע,
צו טיף-בלויע הימלען — פאַרשווינדן אין רוים.

ס׳באַוועגט זיך דער טלית צו אַקסלען אַרונטער,
עס לויכט אויף אין שיינקייט אַ הערלעכער פּנים;
ס׳האָט האַנט פון אַ קינסטלער געשניצט עס — אַ וווּנדער,
די אויגן העל-בלוי זיינען מוחל אויך שונאים.

כ׳וועל שטענדיק געדענקען די בלויקייט פון אויגן,
ווי הימלען גאָר טיפע, ווי אומשולד פון קינד,
זיי ריידן מיט פרידן ווי חומשם רעגנבויגן,
ווי ווייסקייט פון שנייען — ריין-לויטער, אָן זינד.

איך שטיי מיט דיר, טאַטע, נאָך איצט ביים שולם פענצטער,
באַווירקט און באַצויבערט פון כּישוף דעם בלויען —
אין חלום פון לעבן בלייבט ער אַלץ דער שענסטער —
אין תּפילה, אין ליבע, אין געטלעך פאַרטרויען.

27 אַפּריל 1960

קיינמאָל וועט קיינער ניט היילן די וווּנדן

דו שטעטל פון מיינע נאָך קינדערשע יאָרן,
פאַרשאָלטן זאָלסטו מיר דאָרט ווערן!
זאָל זון אין די טעג דאָרט ניט שיינען,
די נעכט זאָלן זיין אָן לבנה, אָן שטערן.

מיט שנאה געמאַכט דו האָסט פול מיין נשמה,
אין טרויער אין טיפן דערטרונקען מיין האַרץ;
האָסט הימלען פאַר מיר דאָ אויף שטענדיק פאַרוואָלקנט
און טעג, ווי די נעכט, געמאַכט פינצטער און שוואַרץ.

אויף גאַסן כ׳זע וועגענער פולע מיט יידן,
ווי קעלבער צו שחיטה, צום שלאַכט-הויז געפירט;
די גוישע שכנים — אין טירן, אין פענצטער —
זיי האָבן געזען עס און זיך אַמוזירט.

פון הונגער געשוואָלן, כמעט אַ דערשטיקטן,
אַזוי האָט מען דיך אויך מיין טאַטן געפירט;
און דו האָסט, ווי שטענדיק, פאַר גוטס אַלץ גענומען,
ווי שטענדיק קיין טענה צו גאָט ניט געשפירט.

נו זאָג מיר, צי האָסט דו, ווי פריער, אויך דעמאָלט
אין פולן בטחון צו הימלען אַרויף נאָר געקוקט;
אין דיינע בלויע-ליכטיקע אויגן האָט צווייפל
קיין איינציקן מאָל ניט געציטערט, געצוקט?

אָ, מאַמע, דו האַרציקע מיינע, האָסט שטענדיק
נאַר וועגן דיין מאַן און די קינדער געטראַכט —
אויך דאַן, ווען אַליין אין דער גרעסטער סכנה,
אַ קינד אין געפאַר — האָט דיר זיך געדאַכט.

כאָטש ווייט דיינע קינדער געלעבט האָבן רואיק,
קיין זאַך האָט חלילה מיט זיי ניט געטראָפן,
ביסט דו דאַן, מיין מאַמע, מיט אויגן פול שרעקן,
זוכן די קינדערלעך דיינע געלאָפן.

ס׳האָט לאַנג קאַראַוואַן פון די גוישע פורלעך,
געפּאַקט פול מיט יידן, זיך לאַנגזאַם געצויגן;
פון אונטער די רעדער האָבן זאַמדן און בלאָטעס
מיט בלוט און מיט טרערן זיך זאַט אָנגעזויגן.

אָ, פעלדער איר גרינע, און וועלדער איר שטילע,
ביי זאַמדיקע וועגן אויף מיילן אַרום.
אַלץ הערן און זען איר דאָס רואיק געקענט האָט,
ווי גאָרנישט געשען וואָלט — געשוויגן טויב-שטום.

אַזוי דו מיין מאַמע, אַ טאָכטער פון קדושים,
אַ זקהם (זאקהיים) פון ווערטער: זרע קדש הם,
מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן,
געגעבן האָסט ס׳לעבן פאַר קדוש השם.

אויף ווייטע און ברייטע ווייסרוסישע פעלדער,
אין איינעם פון פילע דאָרט ברידער־קברים,
פאַרשאָטן, אין אייביקן שלאָפן זיי ליגן
מיין טאַטנס, מיין מאַמעס צעשאָסענע אברים.

וויינט אוים מיין נשמה אַ שטענדיקן קדיש,
אין האַרצן האָב איך אַ נר תמיד געצונדן;
כ׳זאָג תהלים נאָך אייך אין מאַמישן יידיש —
אוי, קיינמאָל וועט קיינער ניט היילן די ווונדן.

דעצעמבער 1961

מיינע עלטערן

גיטל



דוד לייב

אומגעקומען אין די שחיטה־טעג אין סלאָנים, 1942

ייִנגעלע

גרויסע, גרויסע בלעטער דאָ
אין מיין זיידנס סאָד,
קליינע, קליינע הענטעלעך
פּרובן רייסן זיי.

קורצע, קורצע פיסעלעך
שפּרינגען רעכטס און לינקס,
ס'הוידעט זיך אַ גופעלע
טאַנצנדיק אַזוי.

בלויע, בלויע אויגעלעך
האָבן באַלד אַ טרער,
אַט דעם קליינעם ייִנגעלע
ווער ווער העלפן, ווער?

פּיצלעך, פּיצלעך פינגערלעך
האַלטן אוים ניט מער,
פאַלט דאָס קליינע ייִנגעלע
און פאַרלירט די טרער.

דאָס בלינדע פערד

טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ...
פיר פיס טרעטן, טרעטן, גייען,
אויף די פיס אַ גוף זיך וואַקלט;
טרעטן, גייען, ראָד זיי דרייען
און אַ קאָפּ זיך וואַרפט, זיך שאָקלט.

ווענט פון ברעטער מעל פאַרפּוליעט,
גאָר אָן פענצטער נאָר מיט שפּאַלטן.
אין דעם שפּינוועבס דאָרט פאַרטוליעט
ליגן שפּינען שטיל באַהאַלטן.

אויבן, פון דער טיר דער קרומער,
ליכט אַ ביסל גיסט אַריין זיך;
זעסט אַ פערד אין אומעט שטומער
דאָרט ווו ליכט מיט מעל־שטויב מישט זיך.

הענגט אַ קאָפּ אַ ווייסלעך־גרויער,
גריווע און דער האַלדז — געבויגן.
ס׳קוקן שטאַר, מיט שטומען טרויער,
פערדס צוויי ווייסע בלינדע אויגן.

ס׳שפּיגלט קיין זאַך אויג ניט אָפּעט,
טויטע וויסקייט גלאָצט נאָר געציש.
קלאַפּ פון פוס אין טאַקט, וואָס טאַפּעט,
רופט אַ ניגון, וויינט אוים קעציש.

ס׳ווייס דאָס פערד ניט וווּ עס ס׳גייט,
זעט דעם ראָד ניט אונטער זיך.
ס׳דרייט זיך ראָד ווען פערד גאָר שטייט,
פערד נאָר שטייט און ראָד זיך דרייט.

קאָן ניט בלייבן שטיין אין גאַנג,
ראָד אַהינטער באַלד אים שלעפּט;
פילט אַ זעץ פון אייזן־שטאַנג,
פוס דעם גאַנג דאָן ווייטער שטעפּט.

טאַ־טאַ... ענדלאָז איז דער גאַנג,
ס׳דרייט דאָס בלינדע פערד די מיל;
ס׳קלאַפּט פון פיס זיך אוים געזאַנג,
בעט און טרויערט אין דער שטיל...

מײַן רבי רב אַלטער

געדאַנקען נשמהדיק צאַרטע און פֿײַן,
קומט ציט זיך און פֿלעכט זיך, און שפּינט זיך, און װעבט,
ברענגט צו מיר, איר בילדער, אַמאָליקן זײַן,
פֿון טעג און פֿון נעכט שוין גאָר לאַנג אָפּגעלעבט.

אין אוצר־זכרון באַהאַלטן, פֿאַרמאַכט
איר בילדער ליגט דאָרטן פֿאַרלייגט װוּ, פֿאַרשטעקט;
אין מײַנע געדאַנקען איך רוף אײַך: „דערװאַכט,
כאַפּט אויף זיך, אַרויס קומט, צום לעבן זיך װעקט!"

אָט זע איך: עס פֿלעמלען אויף אײַגלעך דאָרט צװײ,
דרײַ הערלעך פֿון אויבן אַ זכר ל'ברעמען;
אַ ציטערריק פּײַערל בלאָנדזשעט אין זײ
פֿון זען אַלץ און װעלן, נאָר קענען ניט נעמען.

אַ המן־טאַש־נעזל מיט שפּיצל פֿאַרדרײט,
מיט אָפּענע נאָזלעכער שמעקט אַלץ אַרום;
אַ שיטערע װאָנצע אַראָפּ זיך פֿאַרדרײט
צו קלײן ציגנבערדל, װאָס מעקעט זיך שטום.

גלײַך אונטער דעם בערדל אַ העלדזל זיך טרינקט
אין צו־ברייטן קראַגן, אַ װײַסער אַמאָל.
אַ שפּאַנקע אין מיטן צעשמײכלט זי װינקט
צו שניפּסל גאָר אַלטן מיט פֿלעקן אָן צאָל.

אַ גומענע מנישקע נאָר ס׳קריכט אַלץ אַרויס,
כאַטש קאַפּטל, קאַמזעלקע זיי זיינען פאַרשפּיליעט.
די פינגער פון הענט עס שוין ווייסן פאַרויס,
ווערט מנישקע געפּאַקט, גלייך צוריק טיף פאַרטוליעט.

דעם פּאַסיק פון הויזן געפּעלט אָט די שפּיל,
זיין מעשענער קעפּל זיך רויטלט מיט שטראַלן,
שטופּט אונטער בגנבה די מנישקע דאָרט שטיל,
האַלט הויזן פאַרשטייפּט פון אַרונטערצופאַלן.

פון אונטער דער הויז קריכט אַ שוך זיך אַרויס,
מיט קאַפּקע צעקוועטשטע און נעזל פאַרריסן.
אַ נגידס שוך לעבט זיינע לעצטע טעג אויס —
דער גביר האָט עס פריער צעטראָגן, צעריסן.

אָט קומט ער, איך זע אים דורך פענצטער ביים ייִדן,
אין אַקסלען געהויבן זיין קאָפּ נידריק זיצט;
זיין הוט און זיין מאַנטל — איך קען זיי גוט ביידן —
מיט אייליקע טריט זיין דאַר גוף זיך גליטשט.

עס שאָקלט דיביימער אַ ווינט אַזאַ קאַלטער;
די דעכער שוואַרץ-אַלטע, די ווענט — בלינדע-נאַסע.
אין מיט — די געשטאַלט פון מיין רבין ר׳ אַלטער,
עס רויטלען פון קעלט זיינע באַקן די בלאַסע.

קלאָר כ׳זע דיך מיט יעדער דיין תנועה און מינע,
איך הער גוט דעם קלאַנג פון דיין שטימע אין ריידן;
איך פיל דיינע פינגער די ביינערנע, דינע,
ווען שטיפנדיק פּאַקן פלעגסט מיך ביי מיין זיידן.

צו אַ זילבערנער חתונה

ס׳איז די יוגנט אונדזער פרילינג,
ווי ביי גראָז און בלום און בוים;
ס׳מאַכט אונדז חתונה פאַר צווילינג,
אין איין לעבן, אין איין טרוים.

זי, די בלום, אין פולן בליען,
ער, די בין, וואָס זוימען טראָגט;
פרייד און גליק אין אויגן גליען,
האַרץ צו האַרץ אַ סוד דאָרט זאָגט.

גאַנג פון צייט אין לויף פון יאָרן,
פרייד און צער פון טאַטע־מאַמע;
פון די קינדער ערשט געבאָרן,
גרויס געוואָרן — ביימער־שטאַמען.

ס׳איז די חתונה פון זילבער,
טיפער זומער שוין פון לעבן;
הערצער ריידן, ס׳הערט זיי שטיל ווער,
ער צו איר ביים טיש דערנעבן.

ס׳קומען יאָרן און פאַרשווינדן,
גרוי און ווייס די האָר זיך וועבן;
אויג און שמייכל גליק נאָך צינדן,
אויף דער גאָלדענער ביים לעבן.

ס'איז מיין ווונטש צו... פֿאַר
און צו אַלע געסט און פֿריינד;
ס'זאָל יעדנס חלום ווערן וואָר,
כ'ווינטש עס אַלעמען דאָ היינט.

אויגוסט 1951

אַדעלען

I

די גרויקייט שפּילט לייכט מיט די האָר שוין,
די ווייסקייט איר פּנים מער בלייכט;
עס זילבערט די האָר פון איר האָר-קרוין,
וואָס איבער איר שטערן זיך הייכט.

די רויטקייט פון האָר, ווי אין פייער,
אין גאָלד זיך געלאָשן מיט יאָרן;
אַצינד מיט דער גרויקייט צושטייער —
פון גאָלד ווערט אַ זילבער געבאָרן.

ווען פּנים באַצירט קוים אַ שמייכל,
כאַטש אומעט די אויגן זיי ריידן —
די בעקלעך קאָלירט ראָז דער שכל,
ניט זען זאָלסט דעם אויסמיש פוןביידן.

איר מיילכל ווערט קינדישער, קלענער;
איר קעפּל — צעשטראַלטער נאָך שענער.

סעפּטעמבער 1952

II

דאָס גרויען פון דיין שיינעם קאָפּ,
נעמט צו די יוגנט דיינע קוים;
אין גרויקייט פון דיין גאָלדן צאָפּ
פאַרפלאָכטן איז מיין יוגנט־טרוים.

דיין בלייך געזיכט ברענגט מער ארוים
דאָס יוגנט־פייער פון דיין אויג,
און ליבע־בענקשאַפט, ווייזט זיך אוים,
באַגריסט זיך שטיל אין אַ פאַרנויג.

יאָ, ווו ניט ווו אַ קנייטשל דאָרט
אין פּנים ווייזט זיך, ווי פאַרשעמט,
אַ שמייכל אָבער גלייך אויף אָרט
פאַרשטעלט אים און זיין פּלאַץ פאַרנעמט.

און כאָטש עס רונדיקט זיך דיין גוף,
פאַרנעמט זיך צופיל אין דער ברייט,
דאָך קלינגט אַלצאיינס דיין נשמה־רוף —
און טריי איך בלייב אים ביזן טויט.

אויגוסט 1953

III

(צום אַהיימקומען פון האָספּיטאַל)

אַרעם זיינען שענסטע ווערטער,
בלייך און קליינלעך — פּיינע רייד,
אויסצודריקן פול מיין פרייד
ווידער זיין מיט מיין באַשערטער.

נאָר אין הויכקייט פון געדאַנקען
און אין טיפקייט פון געפיל
ציטערט האַרץ מיינס, טיק-טאַקט שטיל
אין אַ תּפילה: „גאָט צו דאַנקען״.

ס׳איז דער גורל גוט געפאַלן
אויפן וואָגשאָל „יאָ-צי-ניין״,
ס׳וועט איר לעבן לאַנג נאָך גיין
פול מיט גליק און זונען-שטראַלן.

מיט דיין חן און ליכטיק שמייכל,
טייערע אַדעלע מיין,
ס׳לעבן וועט אַ יום-טוב זיין,
אונדזער היים — אַ צויבער-היכל.

אַפּריל 1959

אַ דאַנק

צו דינהס טיי־פּאַרטי

אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אייך פאַר קומען,
זיך טיילן מיט אונדז מיט דער פרייד;
באַגריסט זייט מיט שמייכלען און בלומען,
מיט האַרציקע ברכות און רייד.

די מאַמע, דער טאַטע, צוויי טעכטער;
מיר אַלע — די גאַנצע משפחה,
מיט ליבע אייך זאָגן די ווערטער,
מיר זאָגן אייך האַרציק די ברכה:

„ברוכות הן, ברוכות הבאות",
איר ליבע און טייערע פריינד.
אָ בענטש די געקומענע, גאָט,
דו בענטש זייער קומען דאָ היינט.

זי, דינה, די ליכטיקסטע כלה,
ער, פּסח, דער האַרציקסטער חתן,
זיי דאַנקען און ווינטשן אייך אַלע
פרייד, שמחות און גליק פולע מאָסן.

מיר דאַנקען אייך אַלע פאַר קומען:
משפחה, און קרובים, און פריינד;
מיט ליבע, מיט ברכות און בלומען
עמפּפאַנגען מיר אַלע אייך היינט.

3 מאַי 1953

די גאַזעל

גערווידמעט מיין טאָכטער פלאָרענס

אויפן שפּיץ פון דעם באַרג
שטייט אַליין די גאַזעל;
ס׳איז די הויכקייט איר קאַרג,
קוקט אַרויס אין צעהעל.

איר אויג זוכט איבער טאָל,
איבער פעלדער צעשפּרייט,
איבער ביימער אָן צאָל,
איבער באַרגיקער קייט.

איר נאָז שמעקט אין דער לופט,
ס׳אויער שפּיצט צו דער ווייט;
הערט אַ שטים אין איר רופט,
זוכט איר אומרו-באַדייט.

ס׳איז דיין פרילינג אין זעל,
אין דיין האַרץ — אָ, גאַזעל!

דעצעמבער 1953

זיי געטרייסט

טאַבעלען

איך קלאַפּ אָן גאַר שטיל אין דיין טיר,
דיין רו כ׳וויל, חלילה, ניט שטערן;
אַ טרייסטוואָרט כ׳וויל ברענגען נאָר דיר,
פאַרהאַלטן דיין וויינען, די טרערן.

אין אומגליק, וואָס ס׳האָט דיך געטראָפן,
דו שטאַרק זיך און טראָג עס אַריבער;
פאַרליר ניט דיין מוט און דיין האָפן
אין שעה פון דיין צער דער טריבער.

דו ווייסט דאָך וואָס גוט איז, וואָס שלעכט,
וואָס מצווה און וואָס איז עבירה;
ס׳איז „גאָט און זיין משפט גערעכט״,
מיר האָבן קיין אויסוואַל, קיין ברירה.

ס׳איז מזל אין לעבן דער האָר,
מיר קענען ניט ענדערן, בייטן;
פאַרגיין וועט דער טרויער און צער,
ס׳וועלן קומען באַלד בעסערע צייטן.

ווי פינצטער זי זאָל זיין די נאַכט,
ס׳פאַרבייט איר אַ ליכטיקער טאָג;
ווען גורל האָט אומגליק געבראַכט,
דו שטאַרק זיך, געדולד האָב, פאַרטראָג.

דו גלייב נאָר, דו האָף נאָר — ס׳וועט זיין,
דו שטאַרק זיך, האַלט אוים — וועסט דערלעבן,
וועסט לויכטן מיט גליקלעכן שיין
אויף שמחות, וואָס גאָט וועט דיר געבן.

זיי געטרייסט.

אָקטאָבער 1950

איך בין מיט אייך

(אויסצוג פון אַ בריוו)

איך בין מיט אייך, כ׳בין אויך געווען
מיט אייך די גאַנצע וואָך כסדר
(איר האָט מיין וועזן ניט געזען),
נשמהדיק, נאָר אַ „ניט ריידער״.

איך האָב די פוסטקייט אויך געפילט,
אָט דאָ געווען — און איצט ניט מער.
עס ליגט דער קרעכץ, ווו שאַ־פאַרשטילט
מיט לעצטן ציטער פון אַ טרער.

אין שטומער שפּראַך די ווענט די פיר,
דאָס צוגעדעקטע ליידיק בעט
דערציילט, פאַרטרויט זיי האָבן מיר:
„זי איז געווען, ניט זיין מער וועט״.

אויך איך אין צער מיט אייך געאיינט
האָב טאָבעלען צו רו באַגלייט,
מיין הארץ האָט ביטער זיך צעוויינט
כאָטש מיילן ווייט פון אייך צעשיידט.

דעצעמבער 1955

אַ מאָל איז דער טויט גוט

אַ דריק פון אַ האַנט פון אַ חבר אַ קראַנקן,
אין ווייטיק, יסורים, אין טעג שוין פאַר גסיסה;
דאָס לעבן — אַ ליכטל אין אויסגיין, אין צאַנקען,
אין צאַפּלען דעם לעצטן פון ערב דער מיתה.

אַ דריק פון אַ האַנט מיט כוחות גאָר לעצטע,
אַ קאַלטער, אָן ציטער, נאָר לאַנג זיך ער ציט;
די אויגן צעעפנט, מיט טרערן באַנעצטע
אין פּחדדיק גלאָצן, אין יסורים צעגליט.

די ליפּן — פאַרדאַרטע, פאַרטריקנט — זיי ברענען,
זיי קענען דעם שטשירע פון ציין ניט פאַרשטעלן;
זיי וואָלטן גערעדט, ווען באַוועגן זיך קענען —
קאָנסט זען זייער צער פון ריידן נאָך וועלן.

פון איינגעשרומפּט פּנים שאַרף־שפּיציקט דער קין,
ער טאָרטשעט משונה און ביינערדיק שטעכט;
דערציילט און דערקלערט: „ס'האָט מער לעבן קיין זין,
עס איז שוין דאָס ערגסטע, שוין ערגער ווי שלעכט”.

איך קען גאָר מיין האַנט פון דעם קראַנקנס באַפרייען,
פון האַנטדרוק דעם לאַנגן, וואָס ענדלאָז זיך ציט;
פאַרלאָזן דעם חבר — מיר כוחות ניט סטייען,
ווען ער נאָך אין לעבן זיך אָנהאַלטן מיט.

צוויי אויגן פֿאַרטרערטע אַלץ האָבן געזען:
אין אָפֿענער טיר איז זיין פֿרוי דאָרט געשטאַנען.
„נו, זע נאָר, גענוג שוין! — וואָס איז דאָרט געשען?" —
זעט, לאָזט אים — ס'איז קדושה אין האַנטדרוק פֿאַראַנען.

מיט מאַמע־הענט צאַרט זי האָט פֿינגער צענומען;
אַ בלייכע זיין האַנט אויף דער דעקע שוין רוט.
מיין האַרץ האָט אין טיפֿן געוויין, נאָר אַ שטומען,
פֿאַרשטאַנען: אַ מאָל איז דער טויט אויך שוין גוט.

דעצעמבער 1947

מיר פֿאָרן צו זיין לויה

אַלץ האָבן די וואָלקנס פֿאַרשטעלט
פֿון בלוי, און פֿון זון, און פֿון שטראַל;
די גרויע און האַרבסטיקע קעלט
געאײַלט האָט דעם בלעטער־צעפֿאַל.

עס האָבן די הײַזער געקוקט
דורך פֿענצטער מיט שויבן גרוי־שוואַרץ;
גאַר נאָנט זיך צוזאַמענגערוקט
אַראָפּרײַדן זיך פֿון דעם האַרץ.

די צווײַגן הענט האָבן געבראָכן
אַרויף צו דעם הימל דעם קאַלטן;
מיט פֿינגער אין האַרצן געקראָכן,
דאָס קלאַפּן אויף אײביק פֿאַרהאַלטן.

אין פּוסטקייט די פֿעלדער זיך שפּרייטן,
אַ ביימל דאָרט שטייט ווי אַליין;
זעסט ווייט דאָרט אַ פֿעלד אַ פֿאַרזייטן
מיט קאַלטע מצבֿות פֿון שטיין.

ס׳ווערט דאָרט נאָך אַ קבֿר געגראָבן,
ס׳וועט זיין אַ מצבֿה אַ נייע;
מיר וועלן דעם חבֿר ניט האָבן,
מיר פֿאָרן איצט צו זיין לויה.

יאַנואַר 1948

חלומות זיך לעשען אין אייגענע טרערן

(געווידמעט מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד
אלעקסאַנדער אייבראַהאַמס)

די האַרבסטיקע הימלען זיי ווערן אַלץ גרויער
אויף גאַסן, אויף הייזער, אויף נאַקעטע צווייגן.
די שעהן פון טאָג — ווי פאַראומערט אין טרויער,
מינוטן, אין שעהן צעצויגענע, שווייגן.

די „נעכטנס" פול זאָרגן האָבן עבר געשפּונען
פון בענקען, פון זוכן, פון וועלן דערגרייכן.
די ענטפערס, די צילן — קיינמאָל ניט געפונען,
נאָך ברענען פאַרלאַנגען דערשטיקטע אין רויכן.

עס גליען נאָך פונקען, נאָר צייכנס פון לעבן,
אין קופּעס פון אַש טליען קוילן גאָר לעצטע.
אויב „היינט" אַזוי שווער איז, קאָן מאָרגן וואָס געבן? —
אין טרערן זיך לעשן די פונקען באַנעצטע.

עס קוקט דורכן פענצטער דער טאָג אַזאַ רויער,
אין בעטל מיין פריינד ליגט, עס צאַנקט שוין זיין לעבן;
זיין קוק האָט פאַרצויגן אַ וואָלקן אַ גרויער,
און שווייגנדיק זאָגט ער: „שוין אַלץ אויפגעגעבן".

אַזוי זיינען „נעכטנס" שוין לאַנג ווי פאַרשוווּנדן.
און „היינטס" און אויך „מאָרגנס" וועלן „נעכטנס" באַלד ווערן;
כ'פאַרליר מיינע פריינד און עס בלייבן נאָר וווּנדן,
חלומות זיך לעשן אין אייגענע טרערן.

1958

פאַרמשפּט צום ליידן

די פּיס זיינען מיד נאָך פון נעכטיקן יאָגן,
די הענט און די פינגער זיי טוען מיר ווי;
פאַרשלאָפן, אין בעט נאָך, ס׳הייבט באַלד אָן צו טאָגן,
צו אַרבעט כ׳מוז אויפשטיין, כאָטש מיד נאָך אַזוי.

כ׳באַדויער אַליין זיך, כ׳בין אַלץ נאָך פאַרשקלאַפט,
פון אַרבעט כ׳דאַרף ברענגען מיין טעגלעכן ברויט.
נו וואָס, אויב מיין פּראַצע פאַר יענעם וואָס שאַפט?
פאַר זיך האָב איך גאָרניט קיין תּכלית געבויט.

אַצינד, ווען מיין יוגנט איז לאַנג שוין אַריבער —
איך אַרבעט כמעט שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט —
די שעהן פון אַרבעט אַלץ שווערער, אַלץ טריבער,
„ווי לאַנג כ׳וועל נאָך אָנגיין" — כ׳פרעג אַליין מיך פאַרוווּנדערט.

אין באָס אַ געפּאַקטן איך האָב אויך אַן אָרט,
כ׳בין מזלדיק היינט דאָך, איך האָב וווּ צו זיצן.
ס׳איז יעדערער פאַר זיך, איז שטום — ניט קיין וואָרט,
הערסט מאָטאָר און רעדער מיט ציינער ווי קריצן.

ס׳רעדט זאָרג נאָר פון אויגן, ס׳רעדט מידקייט פון גלידער,
רחמנות עס בעטן צעקנייטשטע געזיכטער.
כ׳בין איינער פון אייך, מיינע שוועסטער און ברידער,
פאַרמשפּט צו ליידן פון גורל דעם ריכטער.

5 נאָוועמבער 1959

איר טעג פון מיין לעבן

שטעלט אויס זיך פאַר מיר איר די טעג פון מיין לעבן,
איר איבער דריי הונדערט פאַרגאַנגענעמס יאָר.
נו, זאָלן מיר זען, וואָס איר האָט מיר געגעבן —
פון ווונטשן, חלומות געגעבן אויף וואָר.

ניט רייכקייט, ניט רום און ניט כבוד — די צילן,
צו וואָס איך כסדר געהאָפט האָב, געשטרעבט —
באַשיידן אָרט לעבן אין פרידן גאָר שטילן,
ווו ווירקלעכקייט זיין זאָל מיט חלום פאַרוועבט.

פאַר ברויט כ׳האָב פאַרקויפט אַלע וואָכיקע טעג,
און מיד כ׳האָב אין נעכט קוים גאָר שלאָפן געקאָנט;
אין טעג פון סוף-וואָך נאָר — מיין רייכסטער פאַרמעג —
מיין נשמה געהערט כ׳האָב, ווי שטיל וואָס זי מאָנט.

גערעכט יאָ איר זייט, עס האָט ברויט ניט געפעלט,
אַ קלייד און אַ דאַך האָב איך אויכעט פאַרמאָגט;
דאָך זון איז געווען אָפט פאַרוואָלקנט, פאַרשטעלט,
אָפט פינצטערע נאַכט, כאָטש ס׳האָט לאַנג שוין געטאָגט.

ניט הימלישע וואָלקנס דאָס זיינען געווען,
וואָס האָבן אויף דר'ערד מיר די שיין דאָ פאַרשטעלט;
אין האַנדלונג פון מענטשן האָב איך זיי געזען,
אין קנאה און שנאה פון פינצטערער וועלט.

נו, פרעג איך אייך, טעג פון פאַרגאַנגענעם יאָר,
צי האָט איר געבראַכט מיר כאָטש פרייד און געננום?
אָ, גאָרניט מיט גאָרניט, אַנטוישונגען נאָר,
פאַר טראָפּעלעך פרייד — גאַנצע ימים פאַרדרוס.

ערב ראש השנה, אָקטאָבער 1955

איך בענק אַזוי נאָך שטילער רו

איך בענק אַזוי נאָך שטילער רו,
נאָך פעלד וואָס ציט זיך העט, העט ווייט,
נאָך וואַלד וואָס בלויט זיך דאָרטן ווו,
נאָך בלאָנדזשען סתם אָן ציל, אָן צייט.

איך בענק נאָך שטח ווייט און ברייט,
נאָך רחבות פרייע גאָר אָן סוף,
נאָך בלויען טרוים פון בערג אין קייט,
נאָך פלי צו הימלען הויך אַרויף.

איך בענק נאָך סאַמעט-גרינעם ברעג,
נאָך וואַסער פלאַך אין שטילן גאַנג,
נאָך צווישן גראָזן שטילן שטעג,
נאָך פויגלס איינזאַם רוף-געזאַנג.

איך בענק נאָך עפּעס וואָס דאָרט ווו,
איך בענק אַזוי נאָך שטילער רו.

אויגוסט 1955

אין רגעס קוים פרייע

אין רגעס קוים פרייע פון אַרבעט בייטאָג,
פון פראַצע. פון זאָרגן פאַר אָרעמען ברויט,
אויף פלי פון געדאַנק, אין מיין חלום-פאַרטראָג —
כ׳זע אויפגאַנג פון זונען אין שטראַלנדן רויט.

עס נייערט באַגינען צו אייביקן טאָג,
צו לויטערע הימלען פון דורכזיכטיק-בלוי.
מקוים עס ווערט דער נביאישער זאָג:
ס׳הויזט וואָלף מיט אַ שעפּס אין אַ פרידלעך פאַרטרוי.

מיט קינדערשער אומשולד דער מענטש די וועלט פירט,
מיט ריטל פון שלום דעם ביקס אין פאַרבייט.
אין גאָלד נאָר פון שטראַלן די וועלט איז באַצירט,
ס׳גייט אויף כ׳זע די זון פון דער גליקלעכער צייט.

איך שמייכל אויף ליכטיק — ס׳איז גוט מיר אַזוי
כאָטש ס׳לעבן איז שווער, און דער טאָג — אַזוי גרוי.

יוני 1954

אין פײַן זיך צאַפּלט מײַן נשמה

אָ, גאָט, ווי אָפט צו דיר איך קום
כאָטש ניט מיט ווערטער פון אַ תפילה;
אין טראַכטן, קלאַנגענלאָז און שטום,
ניט דאַנקען דיר, אָן לויב, אָן תהילה.

איך זע מײַן איך אין ברודער-מענטש,
אין זײַן געבוי פון פלייש און ביין.
זײַן לעבנס-וועג איך זעלטן בענטש
און שעם זיך אָפט מיט זיך אַליין.

ס'איז מענטש דאָך דײַן יציר-הבחירה,
דאָס ענלעכסטע צו דײַן געשטאַלט.
פון ימים בלוט גייט אויף זײַן שירה
מיט האַס און מאָרד פאַרסמט, פאַרגאַלט.

ניט דאַנקען דיר איז מײַן כוונה —
אין פּײַן זיך צאַפּלט מײַן נשמה.

דעצעמבער 1954

ביז מיין לעצטן פון די טעג

ניט אין רחבות און געננוס
מענטשלעך פנים ווערט געפורמט,
נאָר אין דחקות און פאַרדרוס —
איינס אויף איינס גאָר הויך געטורמט.

שוואַרצער קויל און פלאַמיק פייער
רייניקט, ליכטיקט, שמעלצט אוים גאָלד.
ליידן, פּיין איז דיין צושטייער,
ווען זיין בעסער האָסט געוואָלט.

אָט אַזוי צאָל איך כסדר,
צאָל און צאָל מיט ליידן, פּיין.
טיף אין מיר איז ווי אַ נדר:
ניט ווי אַלע — בעסער זיין.

ס׳וועט מיין שליאַך שוין לאַנג ניט ציען,
ס׳זעט זיך סוף שוין פון מיין וועג.
דאָך כ׳בלייב ווייטער אין מיין מיען
ביז מיין לעצטן פון די טעג.

יוני 1954

אַזוי אין איינעם פון די טעג

אַזוי, אין איינעם פון די טעג,
דערהערן וועסט: ניטאָ מער איך.
פאַרשניטן איז מיין לעבנס שטעג,
ס'האָט לעבנס שנור צעריסן זיך.

איין העלפט אין דר'ערד באַגראָבן איז,
די צווייטע איז אין דמיון נאָר
ביי די וואָס מיך געקאָנט, יאָ — ביז...
ביז זיי אַליין נאָך דענקען קלאָר.

ס'איז ערשטע העלפט, פון פלייש און בלוט,
מיט מאַמע־ערד צוריק פאַרבונדן;
אין מאַמעס שוים פאַרוויגט דאָרט רוט,
געלייטערט פון דעם לעבנס וווּנדן.

מיין צווייטע העלפט קאָנסט זען אויך יעצט
אין אויג פון די וואָס מיך געקאָנט,
ווען אויג זיך צינדט מיט טרער באַנעצט,
ווי נאָר מיין נאָמען ווערט דערמאָנט.

װעסט זען מײַן אָפּבילד אין דער טרער
זיך שפּיגלען פֿון דעם אויג אַרויס
און מיך פֿאַרשטײן װעט זײַן ניט שװער,
װען װערטער מיך לײַכט מאָלן אויס:

אַלײן מיט זיך, באַשײדן קלײן,
אַ „באָנטשע" אויף דער װעלט געװען;
אין װעלט פֿון זינד פֿאַרבליבן רײן,
אין דעם — זײַן שכר האָט אויך געזען...

מערץ 1954

פאַר אַלץ איך בין דאַנקבאַר

דעם אמת זאָגט אַ יעדע שורה,
און ריכטיק איז אַ יעדעס וואָרט;
ווי אין אַ שפּיגל כ׳זע מיין צורה,
מיין אָפּבילד פון זיך בולט קלאָרט.

איך זע, ס׳האָט לעבן מיך פאַרשטויבט,
כ׳קאָן קוים דערקענען זיך אַליין,
נאָר ס׳איז מיין גייסט ניט גאַנץ פאַרטויבט,
מיין אויג ניט בלינד צו אַלץ וואָס שיין.

כ׳בין בלינדער פערד פון שטעטלס מיל,
וואָס טאָג נאָך טאָג דעם ראָד ער דרייט;
ער חלומט, טראַכט: ער גייט צום ציל,
באמת נאָר — אויף איין אָרט שטייט.

אויך מיך האָט גורל איינגעשפּאַנט,
פון פרי ביז שפּעט פאַר שטיקל ברויט,
און אויך פאַר מיר דורך שפּאַלט אין וואַנט
אַ ביסל זון דורכלויכט זיך רויט.

און אָט דאָס ביסל קאַרגע ליכט
איך קלייב עם היילִיק אין מיין האַרץ;
אַ שמייכל לויכט אויף מיין געזיכט,
עס לאָזט מיין לעבן ניט זיין שוואַרץ.

אין באַן ווען צו דער אַרבעט כ׳פֿאָר,
פֿון נעכטן נאָך פֿאַרמאַטערט, מיד,
געדאַנקען כ׳בינד, צוזאַמען כ׳פֿאָר
און זינג זיי אויס פֿאַר זיך אין ליד.

אויך ביי דעם וואַרשטאַט שפּעט ביינאַכט,
ווען כ׳זיץ און אַרבעט גאַנץ אַליין,
געדאַנקען שפּילן זיך פֿאַרטראַכט,
באַווייזן זיך אין זייער חן.

איך שמייכל לייכט: ס׳איז שיין, ס׳איז גוט,
עס ווערט מיר פֿריילעכער דערפֿון,
כ׳פֿאַרשרייב עס גלייך, אויף דער מינוט —
צו מיר געלויכטן האָט די זון.

איין טאָג איך האָב פֿאַר זיך אין וואָך,
פֿאַר אייגן איך, פֿאַר רו, פֿאַר בוך;
בין דאַנקבאַר, כאָטש ס׳איז ווייניק דאָך,
פֿאַר שרייבן וואָס — נאָר אַ פֿאַרזוך.

כ׳וויל לעזן, לערנען, וויסן מער,
וווּ נעמט מען צייט פֿאַר זיך אַליין?
פֿאַר ברויט אַ ביסן כ׳אַרבעט שווער,
די לעבנס-שעהן שנעל פֿאַרגיין.

און דאָך פֿאַר אַלץ איך דאַנקבאַר בין:
פֿאַר היים, פֿאַר פֿרוי, פֿאַר טעכטער צוויי,
פֿאַר האַרץ וואָס פֿילט דעם לעבנס־זין,
פֿאַר שרייבן — כאָטש ניט גוט אַזוי...

אַפּריל 1954

איך בין ניט אַליין

ס׳איז דער בוים ביי מיין פענצטער מיין פריינד
שוין גאָר לאַנג, ניט פון נעכטן, פון היינט.
אין מיין איינזאַמקייט אָפט גאָר אַליין,
ביי מיין וואַנט, ביי מיין זייט כ׳זע אים שטיין.

ער זיין קאָפּ צו מיר שאָקלט און רעדט
און מיט צווייגן באַגריסנדיק גלעט:
„ביסט ניט איינזאַם אַליין צווישן ווענט,
ווייל אין מיר דו דיין פריינד האָסט דערקענט.

איך, ווי דו, שוין ניט יונג בין ניט מער,
קוק צום הימל אַרויף אין פאַרקלער:
אויב מיין קרעכץ ניט פאַרנעמט דיין געהער,
זע פון צווייג ווי עס רינט אָפט מיין טרער...

דאָ בין איך אויך ווי דו אין דער פרעמד,
אין דעם טומל פון שטאָט צום פאַרלענד;
כ׳בענק נאָך פרומקייט גאָר שטילער פון פעלד,
ווען דער הימל אויף טאָג זיך צעהעלט.

כ׳בענק נאָך וואַלד, אין זיין סוד וואָס זיך טיפט,
נאָך געפלאַפל פון צווייג ווען צעשטיפט,
נאָך דעם דאַוונען בציבור פון בוים,
נאָך דער קדושה פון וואַלדיקן רוים.

כ׳בענק נאָך באַרג, וואָס אין וואָלקנס פאַרשווינדט,
נאָך דעם טאָל, ווען ברילִיאַנטן ער צינדט;
כ׳בענק נאָך הייליקער וועלט פון איין גאָט —
ווייט פון מענטש דאָ איך בין אין דער שטאָט״...

אָט דאָס זיינען די ווערטער פון בוים,
וואָס באַנומען האָב איך אין מיין טרוים,
צווישן וועגט אין מיין צימערל קליין,
ניט מער איינזאַם, איך בין ניט אַליין...

יאַנואַר 1953



דער בוים ביי מיין פענצטער

(פּאַסטעל, 18 x 24)

צוויי פענצטער

עס זיינען צוויי פענצטער אין צימער ביי מיר,
צוויי אויגן צום דרויסן, צו אויסערער וועלט.
דעם ציטער פון ליכט אין זיין ערשטן גערירּ
באַגריס איך נאָך איידער דער טאָג זיך צעהעלט.

איך זע האָריזאָנט ווי עס שפּראָצט אויף אין גרוי,
ס'האָט הימל געגעבן אַ ריר מיטן ברעם.
ס'צעשפּרייט זיך די גרויקייט כסדר אַזוי,
ביז וועלט גאָר באַפרייט זיך פון נאַכטיקן קלעם.

אין מזרח דער הימל האָט ראָז זיך באַהויכט,
און, זע נאָר, אַ שפּראָץ האָט געטאָן דאָרט מיט בלוט.
אין אָפּשיין אַ וואָלקן קוים זעבאַר זיך רויכט,
גאָטס וואָרט דו דערפילסט דאָן — „כי טוב", עס איז גוט.

מיין דאַנק אייך איר פענצטער, צוויי אויגן צו וועלט,
צו רחבות פון הימלען, צו ליכט פון דעם טאָג.
אין מיר, ווי אין דרויסן, אַ ליכט זיך צעהעלט,
גאָטס ווערטער „כי טוב" דאָן אויך איך פרום נאָכזאָג.

8 נאָוועמבער 1953

סתם געחלומט

ס׳האָט אַ פֿייגעלע — ליכט
זיך באַקענט אומגעריכט
מיט אַ בלעטעלע גרין.

זי ניט שטייט אַ מינוט,
גאָר קיינמאָל זי ניט רוט,
פֿליט אַהער, פֿליט אַהין.

זי קומט נאָנט צו צו איר,
מיט אַ פֿליגל אַ ריר,
און פֿליט תיכּף אַוועק.

באַלד צוריק זיך אַ דריי,
מאַכט עס קונציק אַזוי
און בלייבט שטיין אויפֿן עק.

שטייט און וואַרט, שטייט און וואַרט,
נאָך איר ליבע זי גאַרט,
נאָר עס שווייגט בלעטל גרין.

זאָגט ניט יע, זאָגט ניט ניין,
וויל קיין זאַך ניט פֿאַרשטיין,
ס׳האָט פֿאַר לעבן קיין זין.

ווערט דאָס פייגעלע בלאָס
פון דער בלעטעלעס שפּאָס,
ציטערט אַזש, פליט אַוועק.

בלייבט דאָס בלעטעלע קליין
אין איר שווייגן אַליין;
צו אַ חלום — אָן עק...

— — — —

פון אַ מענטשלעכער האַנט
דאָ ביי מיר אויף דער וואַנט
איז ס'גרין בלעטל געדרוקט.

ס'ליכטיק פייגעלע גאָר —
אַ קליין שטראַלעלע נאָר,
ניט ער זעט, ניט ער קוקט.

דאָס האָב איך זיך אַזוי
ראָמאַנסירט פאַר די צוויי,
סתם געחלומט אַזוי...

אויגוסט 1953

מען מעג און מען קאָן ניט

מען מעג און מען קאָן ניט,
מען קאָן און מען טאָר ניט;
געוועז, און שוין מער ניט,
פון יש — שוין אַ גאָרניט.

דער נעכטן — ווו דאָרט,
דער היינט איז אָט־אָ;
ס'פאַרנעמט ווער זיין אָרט —
דער היינט שוין ניטאָ.

דער מאָרגן קומט אָן,
אַ היינט גלייך ער ווערט;
מיטן קריי פון אַ האָן
אין נעכטן צעשטערט.

אַזוי איז די צייט —
אַ שטענדיק פאַרגיין;
אין שטענדיקן בייט,
ווי ס'לעבן אַליין.

דאָס לעבן — דער „היינט" —
אַ זוכן, אַ זאָרגן;
ניט ווייסט צי איר זיינט
אויך דאָ אין דעם „מאָרגן".

איר בלאָנדזשעט, איר וואַנדלט,
איר איילט און איר פּאָרט;
איר אַרבעט, איר האַנדלט,
איר ליבט און זיך פּאָרט.

דאָס לעבן וואָס איז,
וואָס איז דען זיין זין?
ס'איז עמעצס קאַפּריז
ביסט דו דאָ — איך בין.

אין גאַנג פון דער צייט,
אין בייט פון די טעג
ווילסט וויסן ס'באַדייט
צי קאָן מען, מען מעג.

מען מעג און מען קאָן ניט,
מען קאָן און מען טאָר ניט;
געווען, און שוין מער ניט,
פון יש — שוין אַ גאָרניט.

יוני 1953

זעסט זונשיין אין טרער ביי דעם קינד

זעסט זונשיין אין טרער ביי דעם קינד,
זיך שפּיגלען אין הימלישן בלוי —
אַ געטלעך און ערדיש פֿאַרבינד,
אַ זון אין אַ טראָפּן פֿון טוי.

עס שמייכלט צו טרער גאָר די ברעם —
זי ווייס ניט פֿאַרוואָס און פֿאַר ווען.
די וויע פֿאַרווונדערט פֿון דעם
לויכט־אויף ווי אַ שטראַל נאָר עס קען.

דאָס פֿינטעלע נעזעלע רינצלט,
עס קיצלט דאָרט, וואָס איז דער מער?
אַ קול פֿון די ליפּעלעך גרינצלט,
געזאַלצן־דערקייקלטע טרער.

אַ שמייכל מיר שענק פון דיין פּנים

אַ שמייכל מיר שענק פון דיין פּנים,
אַ חלק פון ליכט אין גן־עדן.
די וועלט איז שטאָק־פינצטער, פול שונאים,
נאָר פאַלשקייט און שנאה זיי ריידן.

דיין שמייכל לאָז שפּילן פריי אָפן
און צינדן אַ שטראַל אין די אויגן.
ס'איז צוקונפט דאָך דאָ אין דעם האָפן,
אַ צוזאָג — אין דעם רעגנבויגן.

ס'וועט ליכטיק די וועלט אַמאָל ווערן,
אַ דור וועט צום גוטן דערוואַכן;
ס'וועט איינער דעם צווייטן זיין גערן,
כ'וויל שמייכלען מיט דיר, איך וויל לאַכן.

אין האַרצן טיף טראָג איך אַ תפילה

אין האַרצן טיף טראָג איך אַ תפילה,
הכנעה און ליבע — איר שורש;
אַן ווערטער געדאַנקען וויים-שטילע
מיט זיידעס פאַרבינדן דעם יורש.

נאָך האָט ניט די תפילה איר ניגון
אין אָפענער אומשולד צעלויכטן;
ניט אוצרות, ניט כבוד, ניט זיגן —
אַ בענקען מיט קדושה באַהויכטן.

אַ פונק נאָר דאָרט ווייט ווו אין צינדן,
אין הימלישע הויכן אַ שטערן;
די אויגן פאַרמאַכט קוים זיי בינדן
מיין היינט מיט בלי-סוף פון ניט ווערן.

אָנסופיק די הימלישע הויכן,
די שטערן נאָר ווייזן די וועגן;
נאָר העכער געדאַנק קען ניט גרייכן —
צו דר'ערד דאָ געשמידט מיינע שטעגן.

איך בייג דאַן מיין קאָפּ אין הכנעה,
כ'טו תשובה, צו גאָט כ'בין מתפלל,
און זינג צו די הימלען די בלאָע,
אַן ווערטער — מיין שירה, מיין הלל.

פעברואַר 1953

טויט

איך צייל מיינע שעהן די לעצטע
און גיב זיי דעם עבר אוועק;
הנאות גאר טייער געשעצטע
ווערן ווערטלאָז ווי טאַבאַק אַ שמעק.

אַנשטאָט רו ס׳געלעגער מיך מאַטערט,
אַ שטיין איז דאָס קישן צוקאָפּנס;
די קראַנקייט מיין קערפּער צעפּאַטערט
און ס׳ריגט אויס מיין לעבן אין טראָפּנס.

דער מאָרגן זיך וויקלט אין מורא,
דער היינט אומדערטרעגלעך אין פּיין;
איך לעב מיט דעם עבר באין ברירה,
מיט טעג פון אַמאָליקן זיין.

אַמאָל — ס׳איז ערשט נעכטן און היינט —
ווי קלאָר איך אַלץ זע עס אַצינד;
משפּחה, און קרובים, און פריינד —
די יוגנט, אָט גאָר נאָך אַ קינד.

ביים בעטל מיין מאַמע געבויגן,
איר פּנים איך זע אַ צעשטראַלטן;
אין פּייכטע ברוין-טונקעלע אויגן
די טרערן קוים, קוים וואָס זיך האַלטן.

פאַרמאַכט אירע ליפּן די בלייכע,
אָן ווערטער זיי ריידן צו מיר;
אָרום מויל כ׳זע קנייטשן צוויי ווייכע
זיי שפּרייטן אוים צער אָן אַ שיר.

אָ, מאַמע! געבענטשט איז דיין קומען,
ס׳איז גוט מיר מיט דיר ווי אַמאָל;
אין אויסדרוק אָן ווערטער דיין שטומען
צו מיר זינגט דיין האַרץ אויף אַ קול.

אַט הער איך דיין שטימע, דעם ניגון,
ווען ס׳האַלט שוין דער טאָג אין פאַרגיין;
דיין זינגען מיין שלאָף וועט פאַרוויגן
און שפּינען חלומות זים-שיין.

כ׳האַלט קוים מיינע אויגן שוין אָפן,
די לעפּלעך זיי זיינען אַזוי שווער;
אַט, באַלד, באַלד ווער איך שוין אַנטשלאָפן,
איך זע שוין דיין פּנים ניט מער.

איך זע נאָר אַ ליכט פון דיין שטערן —
ער לויכט אין אַ גאָלדיקן רויט;
ווו אויגן — איך זע נאָר די טרערן
מאַמע! איך שלאָף שוין מאַמע...

טויט...

איר טעג פון מיין דאָ זיין

איר טעג פון מיין דאָ זיין, פון ווירקלעכקייט גרויער,
פון אַרבעט און פּראַצע צו מאַכן אַ לעבן,
פאַרשפּאַרטע ביים וואַרשטאַט, צווישן ווענט פון אַ מויער,
משפּחה אַ דאַך און חיונה צו געבן.

אין לויף פון די וואָכן, חדשים און יאָרן
מיין לעבן אַוועק איז, אין עבר פאַרשוווּנדן.
צעקנייטשט און צעווייטיקט, ווי אַלט כ׳בין געוואָרן,
די ווּנטשן אַנטוישטע נאָך אייטערן ווּנדן.

די קינדהייט געוועבט האָט חלומות גאָר שיינע,
די יוגנט מיט האָפנונג געשטאַרקט האָט באַפליגלט.
ס׳האָט ווירקלעכקייט אָבער מיט טריטעלעך קליינע
מיט זאָרגן און פליכטן מיין גורל פאַרזיגלט.

אין ליכט פון דעם טאָג ווערט די ווירקלעכקייט גרויער
און ס׳לעבן אַליין — אַזוי נאַריש, ניט וויכטיק.
אין אָוונטן שטילע כ׳בענק אויס זיך אין טרויער,
אין נעכט — די חלומות שפּילן אויס זיך העל־ליכטיק.

איך האָב מיר דאָס וואָרע פּאָר חלום געביטן,
אין הימלען כ׳פאַרזיי מיינע פעלדער מיט זוימען.
דאָרט ווייסע מלאָכים די פלאַנצן זיי היטן;
זיי בליען, זיי רייפן אין ליכטיקע טרוימען.

ווען קאַלט און שוואַרץ-גרוי ווערן שעהן פון לעבן,
און ערדישע פרייד איז פאַר מיר ניט צו גרייכן,
צו הימלישע פעלדער איך הייב אָן דאַן שוועבן,
אויף פליגלען-חלומות איך גרייך צו די הויכן.

דאַן קוק איך פון הימלען אויף דר'ערד ווייט אַרונטער,
און זע ווי גאָר נישטיק די ערדישע זאָרגן.
מיין אויסגעטרוימט פעלד ווערט אַלץ שענער און בונטער,
ס'גייט זון אויף און ס'ליכטיק די פרייד פון דעם מאָרגן.

דעצעמבער 1959

דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן

דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן
ער קוקט אין מיין פענצטער אריין,
און לאָזט מיר מיין קאָפּ מער ניט בויגן,
ניט טראַכטן פאַרקלערט: „וואָס וועט זיין"?

דער נעכטן געווען איז מיט זאָרגן —
עס איז שוין געווען צוליב וואָס;
עס ליכטיקט מיט פרייד היינט דער מאָרגן
אין ימיקן זונען־צעגאָס.

כ'באַוווּנדער דעם הימל דעם בלויען,
וואָס גרינט אַזש אין זוניקן ליכט;
כ'שעפּ האָפנונגען, גלויבן, פאַרטרויען,
דערפרייט כ'בין געוואָרן אומגעריכט.

אָ, מאָרגן מיט ליכטיקע אויגן,
ווי גוט ס'איז דיין אָפענער שמייכל:
ס'וועט היינט זיך מיין קאָפּ מער ניט בויגן,
מיין צימער וועט ווערן אַ היכל.

מיין קאָפּ איז פאַרריסן צו הויכן

מיין קאָפּ איז פאַרריסן צו הויכן,
די אויגן ווי שפּיזן זיי דרינגען.
זיי זוכן, זיי ווילן וואָס גרייכן,
מיין האַרץ וועט פון צער צעשפּרינגען.

איר הימלען, צי זייט איר געגאַרטע?
די בלויקייט — קאָלירן גאָר, פאַרבן?
מלאָכים, איר ווייסע, געגאַרטע —
נאָר חלום פון מענטשן וואָס שטאַרבן?

זע, וואָס איז פאַרבליבן דאָרט אויבן? —
אַ חלל נאָר, פּוסטקייט, און גאָרניט.
טאָ ווו איז דער גאָט וואָס מיר גלויבן?
ניט ריידן, ניט טראַכטן, מען טאָר ניט.

מער ווילן ניט קוקן די אויגן,
מיין קאָפּ פאַלט אַרונטער אַ מידער.
מחשבות, ווו זייט איר פאַרפלויגן?
צוריק קומט צו ערדישע נידער!

פאַרחושכטע, נאַקעטע ביימער,
מיט צווייגן פון קראַמפּן צעדרייטע,
און ווערטער זיי זאָגן אַזוי מיר:
„פאַרוואַרף די געדאַנקען פאַרשייטע!

דאָס לעבן איז דאָך גאָר אַ מעשה,
מען פרעגט ניט אויף מעשות קיין קשיות;
אַ מעשה מיט ציגעלע ווייסע
ביים טייכל אויף העל־גרינע פּאַשעס".

אַפּריל 1960

ס׳זינגט מיין לעבן אויס זיין תפילה

מיינע טעג פון איצטיק לעבן
אין די יאָרן שוין גאַנץ שפּעטע —
כוחות כ׳האָב שוין אויסגעגעבן,
ס׳בלייבן ווונטשן ניט דערגרעדטע.

בלייבן הענגען ניט דערזאָגטע
ווייט און הויך ווו אין די ספערן,
ווי די וואָלקנס ניט דעריאָגטע,
קלאַנגען ווייטע ניט צו הערן.

ס׳זינגט מיין לעבן אויס זיין תפילה;
ס׳פאַלן שאָטנס בלויע, קילע.

16 אַפּריל 1960

טרינקט זיך אין טרערן

גרויע הימלען דורך די פענצטער זייען טונקלקייט אין צימער,
מאכן לאַנגזאַמער דעם טעמפּאָ פון דיין טעגלעכן געאייל.
בלייבסט אַט פלוצלינג שטיין,
טראַכסט פאַרקלערט אין זיך.
ביטער שפּילט דער שמייכל אויף דיין פּנים זיך אַ ווייל,
לאַכט פון דיר אַליין,
און פאַרשווינדט באַלד גיך.
אומבאַהאָלפן. ביסט אַליין דאָך נאָר אַ טייל פון גרויען שימער.

רעקאָרדס שפּילט אַ ראַדיאָ ווו, שפּילט אוים אומעטיקע טענער.
אומזיכטבאַרע פינגער מאָלן כישוף-בילדער אויף די ווענט.
זעצסט זיך לאַנגזאַם צו,
זעסט וואָס, קוקסט זיך איין.
האָסט געזען די בילדער פריער, האָסט אַליין זיי גוט געקענט.
ס'איז אַליין דאָך דו,
ס'איז פון לעבן דיין.
בלעטלעך פון דיין לעבן, ביסט פון עבר דיינעם דער דערקענער.

ס׳פילן שאָטנס אָן דעם צימער, טאָג ווערט טונקעלער און גרויער.
ביסט אַליין ניט מער —
ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן.
ס׳בענקט נשמה נאָך אַ תיקון, אַ לעבן לאַנג נאָך אים געלעכצט.
און אַט דער באַגער,
לאַנג, גאָר לאַנג געצונדן,
לעשט זיך, קומט אום, גוססט, טרינקט זיך אין די טרערן
פון דיין טרויער.

אַפּריל 1960

ס׳קומט צו נאָך אַ טאָג צו דער צייט

ס׳איז נאַכט שוין אַוועק צו אָן־סוף,
די שאָטנס די לעצטע פאַרשווינדן.
ס׳וועקט טאָג זיך מיט מאָרגן פון שלאָף,
די זון וועט די שטראַלן באַלד צינדן.

די גרויקייט ווערט ליכטיקער, בלייכט,
טומאַנען גאָר לעצטע זיך דינען.
ס׳האָט מזרח אַ שטראַל שוין דערגרייכט,
מיט בשורה פון ליכט פון באַגינען.

אָט רויטלט זיך מזרח ווי ווייט,
די זון שטעקט אַרויס דאָרט איר קאָפּ —
ס׳קומט צו נאָך אַ טאָג צו דער צייט,
אין אייביקייט נאַכט פאַלט אַראָפּ.

יאַנואַר 1954

אינהאַלט

פון פרילינג צו פרילינג

גוט־מאָרגן דיר 9
אין וואָס האָב איך מיין אָרט 10
כ׳בין אַ טייל פון דער וועלט 11
פרילינג אין פּאַרק 12
כוואַליעלעך 14
אַ טאָג אַ נייער 15
אין פּאַרק 18
האַלב פאַרשלאָפן 19
די געטלעכע שיינקייט באַגליקט 20
דער ברעג 21
ס׳האָט זון מיר אין פּנים געלאַכט 22
זון, וואַסער און ווינט 24
אומרו 26
זונפאַרגאַנג 28
זון און לבנה 31
אַ אָוונט אין אָפּפלוס פון ביי 32
ביינאַכט 35
ס׳האָט די זון זיך פאַרשפּילט 36
ס׳האָט אַ וואָלקן דעם הימל פאַרצויגן . . . 37
לעצטע בלעטער 38
בלעטלעך אין ווינט 40
די האַרבסטיקע בלעטער 41
ס׳ווערט שפּעטער 42
האַרבסט 45
אַ האַרבסט־שטימונג 46
ס׳איז אויך וואָר אַ חלום נאָר 47
אומעטיק ווערט 48
ס׳איז קאַלט 50
ווי קאַלט ס׳איז דער גרין פונעם גראָז . . . 51
צי זיינען די טראָפּנס פון רעגן 52

הארבסט־מאָטיוו 55
אייביקער שטומען 56
פון וואַנען זייט איר, וואָלקנס, געקומען 57
אָוונט 58
אַ טומאַן 59
וואָלקנדלעך 61
פאַרנאַכטן 62
„גוט־מאָרגן" 63
ווינטן 64
דער פּוסטער פּאַרק 65
דיין ליכטיקע וועלט 66
ווינטער־מאָטיוו 68
די בלויקייט פון שנייען 69
עס שנייט 70
בלויע פאַרנאַכטן 71
ווייסע פעלדער, שניי־באַדעקטע 72
דער שניי־שטורעם 73
אונטערן שניי 78
פון פּאַרק 80
אין פרייד פון יונג־לעבן 81
ס'האָט לעבן אַ ווערט און אַ זין 82
אַביימל שטייט דאָרט ביי מיין פענצטער 83

באַרג און טאָל

צווישן בערג 87
אין באָס אין די בערג 90
אין אַ כישוף־קעסטל כ'פאַר פאַרמאַכט 91
נעמט צו די וועגן 93
די באַן 94
איך פרעג אייך 98
ס'איז אַלץ בלויז אַ צופאַל 99
די קראַנקע חתונקע 100
אייזערנע בריקן 108

פאַר אונדזער פרייהייט

דער אויפרייס אויף בן־יהודה־גאַס 111
אַ חלוצה 120
עם ישראל חי 121
דוב גרונער 122

אין אונדזער לאַנד איז אונדזער גאולה . . . 124
בייג דיין קאָפּ אין טיפן טרויער . . . 127
אַ מאָרגן אין געטאָ 129
אין שעהן פון בין־השמשות . . . 131
צווײ מאַמעס 133
ס׳איז יעדער אַ מענטש 135
אייביק פאַר פרייהייט וועט אָנגיין די שלאַכט . . 136

בילדער פון זכרון

פריסטע בילדער פון מיין מאַמען 141
מיין מאַמע 143
כ׳וועל שטענדיק געדענקען 145
קיינמאָל וועט קיינער ניט היילן די ווּנדן . . . 146
יינגעלע 151
דאָס בלינדע פערד 152
מיין רבי רב אַלטער 154
צו אַ זילבערנער חתונה 157
אַדעלען 159
אַ דאַנק 162
די גאַזעל 163
זיי געטרייסט 164
איך בין מיט אייך 166
אַמאָל איז דער טויט גוט 167
מיר פאָרן צו זיין לויה 169
חלומות זיך לעשן אין אייגענע טרערן . . . 170
פאַרמשפּט צוםליידן 171
איר טעג פון מיין לעבן 172
איך בענק אַזוי נאָך שטילער רו 174
אין רגעס קוים פרייע 175
אין פּיין זיך צאַפּלט מיין נשמה 176
ביז מיין לעצטן פון די טעג 177
אַזוי אין איינעם פון די טעג 178
פאַר אַלץ איך בין דאַנקבאַר 180
איך בין ניט אַליין 183
צוויי פענצטער 187
סתם געחלומט 188
מען מעג און מען קאָן ניט 190
זעסט זונשיין אין טרער ביים קינד 192
אַ שמייכל מיר שענק פון דיין פּנים . . . 193

איר טעג פון מיין דאָ זיין	197
אין האַרצן טיף טראָג איך אַ תפילה	194
טויט	195
דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן	199
מיין קאָפּ איז פאַרריסן צו הויכן	200
ס׳זינגט מיין לעבן אויס זיין תפילה . . .	202
טרינקט זיך אין טרערן	203
ס׳קומט צו נאָך אַ טאָג צו דער צייט . . .	205